№ 242 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblat

לאדזשער טאגעבלאט

צוואנציגסטער יאהרגאנג | 24 października 1927 r. | מאנטאג, כ"ח תשרי תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 18. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 77, פון אדמיניסטראציע 47

פעטלורא פעראנטווארטליך, אבער נישט שולדיג.

אזוי פארמולירען אוקראינישע פארשטעהער זייער קאמפראמיס־פארשלאג אין די אונטערהאנדלונגען מיט די יודען אין פאריז.

פאריז, 23. אקטאבער (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט זענען פארגעקומען די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען צווישען די פארשטעהער פון די אוקראינער און יודען אין פאריז.

נאך לענגערע דיסקוסיע ווענען אן׳אויסגלייך צווישען ביידע פעלקער האבען די אוקראינער ערקלערט, אז זיי געהען איין אויף פאלגענדער קאמפראמיס־פארמולע: פעטלורא איז פעראנטווארטליך, אבער נישט שולדיג.

אויף קיין גרעסערע הנחות וועלען זיי נישט איינגעהן.

דער גאון, אוקראינישער מיניסטער מארטאס האט דערביי ערקלערט, אז ווען זיי וואלטען מסכים זיין אויף א פארמולע, וואס וועט בעשיצען דעם אנדענקען פון פעטלורא'ן, וואלט מען זיי איז דערהיים (אין אוקראינע) צוריסען אויף שטיקער.

אויף דער דאזיגער ערקלערונג האבען די יודישע פארשטעהער געענטפערט, אז זיי זענען אייביג גרייט איינצוגעהן למען השלום פון ביידע פעלקער, וואס לעבען אויף איין טעריטאריע, אויף די גרעסטע הנחות, אבער נאר מיט דעם איינעם תנאי, אז אייראפא זאל בעקומען א גענוי און ריכטיג בילד פון די בלוטיגע פאגראמען, וואס זענען פארגעקומען אין אוקראינע.

צעהן טויזענד יודען דעמאנסטרירען

לטובת שווארצבארד'ן פאר'ן יוסטיץ־פאלאץ אין פאריז

פאריז, 23. אקטאבער (ספעציעלע טעלעגראמע צום „לאדזשער טאגעבלאט") פאר'ן בנין פון געריכט האט זיך געכטען פארמירט א גראנדיעזע און אימפאזאנטע דעמאנסטראציע פון העכער 10 טויזענד יודען. די דעמאנסטראנטען האבען געמאכט פרייגדליכע אויסרופען לכבוד שווארצבארד'ן. צווישען אנדערע האבען זיך געהערט אויסרופען: זאל לעבען שווארצבארד! ער האט גענומען נקמה פאר'ן בלוט פון צעהנער־טויזענדער אונשולדיגע קינדער און אלטע לייט, וואס זענען געשאכטען געווארען אין אוקראינע! מיר פאדערען צו בעפרייען שווארצבארד'ן.

די דעמאנסטראציע האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף די פראנצויזען.

ערשטער לאנד־צוזאמענפאהר פון מיזראכיסטען אין ווארשא.

ווארשא, 23. אקטאבער (א.ח.) נעכטען איז אין ווארשא פארגעקומען דער ערשטער אלפוילישער לאנד־צוזאמענפאהר פון די פאראייניגטע מיזראכיסטישע ארגאניזאציעס.

ס'זענען אנוועזענד געווען העכער 100 דעלעגאטען פון אלע עקען לאנד. דער רעדאקטאר פון „גלאס מיזראכיסטשני", ד"ר מאשינסקי האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער שטעלונג פון די מיזראכיסטישע ארגאניזאציעס צו דער רעגירונג. ער האט אויסגעפיהרט, אז די מיזראכיסטען דארפען זיך בעציהען צו דער רעגירונג מיט א פריינדליכער נייטראליטעט. עס איז בעשלאסען געווארען ארויסצושטעלען אן׳אייגענע ליסטע צו די סיים־וואהלען און עס איז אויסגעקליבען געווארען א וואהל־קאמיטעט.

ארימע פרוי געפינט 25.000 דאלאר און גיט עס אפ דעם בעל־אבדה.

פויזען, 23. אקטאבער (א. ח.) א געוויסע פרוי טישצאווא, אן ארימע איינוואוינערין פון פויזען האט ביי דער פויליש־דייטשער גרעניץ געפונען א פארטפעל מיט 25 טויזענד דאלאר.

די ערליכע פרוי האט דאס געלד אפגעגעבען אין רשות פון דער ארטיגער מאכט אין מיעדזיכאד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די אבדה געהער צו אן אמעריקאנער בירגער, דער בעל־אבדה האט דער פרוי געגעבען א מתנה פון 2500 דאלאר פאר איהר ערליכקייט.

ליובאוויטשער רבי אנגעקומען קיין ריגא.

ריגא (יט"א) נעכטען איז דא געקומען צו פאהרען פון מאסקווע־ראסלאנד דער ליובאוויטשער רבי צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה, וואס בעשטעהט פון 8 פערזאן. צוזאמען מיט'ן רבי'ן איז אויך אנגעקומען זיין איידעם ר' ארי'.

אויפ'ן באהן־הויף איז דער רבי מיט גרויס בעגייסטערונג בעגריסט געווארען דורך א גרויסען עולם פון זיינע חסידים.

דער רבי האט מיטגעבראכט פון סאוויעט־רוסלאנד זיין גאנץ איינגענטום און פיער באהן־וואגאנען. צווישען אנדערע האט ער אויך מיטגעבראכט זיין רייכע ביבליאטעק וואס צעהלט העכער 10000 ספרים ווי אויך א רייהע ווערטפולע כתבי ידי'ן פון בעל־שם־טוב, צמח־צדק, מהרש"א און אנדערע גדולי תורה.

בלב מלא צער ויגון הננו מודיעים ע"ד האסון הגדול שקרנו בהלקח מאתנו עטרת ראשנו האיש הישר באדם המצוין במדותיו ובמזלותיו

נ"ע יוסף פרושינאווסקי

(בעל בית חומה) בשנת השמונים וחמש לימי חייו.

הה"וי' תהי' היום יום ב' פרשת נח, כ"ח תשרי תרפ"ח בשעה 2 אחה"צ מבית האבל שדרות 1 מאי (פאמאזש־שוליץ) 20

השרויים בצער עמוק אשתו, בניו, בנותיו חתניו, כלותיו, אחיו, נכדיו, ניניו ומשפחתו.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער טייערער און גיטט־פערגעסענער פאטער, שוויגער־פאטער, גרויספאטער און פעטער

נ"ע יהודה לייביש ב"ר ראובן חיים הלוי ז"ל

זעליגער

אין עלטער פון 77 יאהר.

די לוי' קומט פאר היינט מאנטאג, כ"ח תשרי תרפ"ח, 1 א זייגער נאכם. פון טרויער־הויז זאוואדזקא 6 № 6 וועגען וואס ס'ווילען מיט אין גרויס צער

די טיעפטרויערנדע הינטערבליבענע.

מיט טיעפען טרויער מאכען מיר בעקאנט, אז נאך לאנגע און שווערע ליידען איז אין דאמביע געשטארבען און אויך דארטען צו קבורה געקומען דאנערשטאג כ"ד תשרי (20/10) אונזער ליבער און נישט־פערגעסענער פאטער

נ"ע שלום ב"ר שמעון ז"ל הלוי לעווין

(איידעם פון ר' משה שיבקע פון אזורקאוו). — וועגען וואס מיר ווילען מיט

די טיעפטרויערנדע זוהן און טאכטער שקלנא № 6

Dr. med. G. Gersztajn

צוריקגעקעהרט

ספעציאל־ארצט פאר אויגען־קראנקהייטען

Trauguta 12 (קרוטקא)

נעמט אן פון ½12—2, פאר אונבעמיטעלטע פון 7—8 אוונט

Dr. med. H. Leichter

קאנסטאנטינער 9 רוג זאכאדניא, טעל. 49-66

צאהן־כירורג

ספעצ. פאר כירורגישע קראנקהייטען אין: שטיינקאקס, גימענס דושנים לאס, צאהן־פיסטולעס א.ז.וו.

נעמט אן פון ½1—3 און זונטאג פון 9—11 פריה.

Dr. med. Józef IMICH

ספעצ. ארצט: האלז, נאז, אויערן און קעהל־קאפ קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאניושקי 1, (פאסאזש־מייער) טעל. 9-97.

נעמט אן פון 3 ביז 4 און פון 5 ביז 7 אוונט.

ד"ר מעד. א.ס. טענענבוים

אינערע קראנקהייטען

וואלטשאנסקא 4, — טעל. 40-25

צוריקגעקעהרט.

Dr. med. WOLF EYCHNER

גינעקאלאג־אקושער

צוריקגעקעהרט

זגערשער 11 :— טעל. 84-78

נעמט אן אין דער לעטשניצא פיעטריקאווער 294 פון ½1—11½

גאנץ לאדז

לויפט שנעל מיט די גאקזוען־פלאטגיטשי אויף מאדאמאק־דאכאדאח׳ צאר אין ביורא „פאלאניא" אליע 1. מאי — 7 —

ווי עס ווערען ערלעדיגט די רעקורסען אמבעטען, אמשגעלטען מיט גרויס ערפאלג. צור בעקוועמליכקייט פאר די געשעצטע קליענטען איז ביורא „פאלאניא" אליע 1. מאי 7, פון דעם 1. אקט. ביז צום 1. נאוועמ. אפען אונאונטערבראכען פון 8 פריה ביז 10 אוונט.

צוקער־קאסטקעס

פון דער נייער קאמפאניע 1927/28 איז שוין אנגעקומען און ווערט פערקויפט וואגאן־ און זאק־ווייזע צו פאבריקס־פרייזען ביי

Łódzki Związek Handlowy

Łódź, Konstantynowska 99, tel. 15-60

Zastępca Akc. Tow. Cukrowni „JÓZEFÓW"

Dr. med. Braun

ספעציאל־ארצט פאר הויט־און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.

בעהאנדלונג מיט קווארץ־ליכט (הארר־אויספאל)

צוריקגעקעהרט

23 פאלודניאווא 23

טעל. 40-26

נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אוונט.

Dr. med. L. Pikielny

ספעציאליסט פאר נערוועז־ בלאזי־ און אורין־קראנק

נעמט אן פון 4—7 נאכם.

נאווראט 8.—טעל. 19-20

אכטונג לאדז און פראווינץ! עס איז שוין די העכסטע צייט זיך צו פערזאָרגען מיט א לאטעריע־צעטעל פון גליקליכען קאנטאר, וואס פיל יודישע פאמיליעס זענען געווארען רייך דורך אים, ביי

פ. ברייטשטיין,

לאדז, נארוטאוויטש 31, טעל. 12-47

קאנטא פ. ק. א. 64698.

אויף די פראווינץ ווערט געשיקט נאכ'ן ערהאלטען די בעשטעלונג. נאך א בעגרעניצטער צאהל לאָסען זענען צו דער ערשטער קלאס צו בעקומען.

Dr. P. KLINGER

פיעטריקאווער 51

ספעצ־ארצט פאר הויט־האר־און געשלעכטס־קראנקהייטען.

נעמט אן פון 9—12 און פון 8—4 נאכמיטאג.

פאר דאמען פון 4—6 נאכמיטאג.

ווייטערע אינצידענטען אויפ'ן שווארצבארד-פראצעס.

געריכטס-פרעזעס רופט אדוו. קאמפינקי'ן צו ארדנונג

געשוואוירענע ריכטער נעהמען אנ'אקטיוון אנטייל אין פערהערען שווארצבארד'ן; אפלאדירען טארעס'ן, ווען ער זאגט, אז שווארצבארד האט פערגאסען זיין בלוט פאר פראנקרייך.

קאמפינקי קאפיטולירט, איז דער איינדרוק אין געריכט.

פאריז, 23. אקט. (טעלעגר. ספעצ. צום „ל. ט.") די נעכטיגע געריכטס-פערהאנדלונגען האבען ארויסגערופען נאך א גרעסערע פעראינטערעסירונג ווי פריהער צוליב'ן שארפען קאנפליקט טארעס-קאמפינקי, ביי וועלכען די פרי-טאג'דיגע געריכטס-זיצונג איז איבערגעריסען געווארען. דאס פובליקום האט איינציגע מאל רעאגירט בעת די פער-האנדלונגען מיט צווישען-רופען און אפלאדיסמענטען. דער פארזיצענדער איז געווען געצוואונגען צו ווארענען, אז מעהר זאל אזעלכעס נישט פארקומען.

ס'זענען נאך געבליבען 123 עדות, וועלכע דארפען ווערען אויסגעהערט. דער פראצעס וועט אלזא מוזען דויערן א סך לענגער, ווי מ'האט פאראויסגעזעהען.

דאס כאראקטעריסטישע פון די שבת'דיגע פערהאנדלונגען איז געווען דאס, וואס די געשוואוירענע ריכטער האבען אליין גענומען שטעלען פראגען. אזוי האט גלייך ביים אנהויב פון דער זיצונג איינער פון די געשוואוירענע זיך געווענדעט צו שווארצבארד'ן מיט פאלגענדער פראגע: צי בעת די פאגראמען, וועלכע זענען פארגעקומען אין אוקראאינא אין די צייטען פון פעטלורא'ס ממשלה האבען געליטען זיינע קרובים אדער ער אליין?

שווארצבארד ענטפערט, אז בעת די פאגראמען זענען גע'הרג'עט געווארען א סך מיטגלידער פון זיין משפחה.

דער געשוואוירענער שטעלט דאן שווארצבארד'ן א צווייטע פראגע, פארוואס ער האט נישט דערמארדעט פעטלורא'ן בעת יענער איז געווען אין אוקראאינא?

שווארצבארד ערקלערט, אז דאן איז איהם געווען אוממעגליך צוצוקומען צו פעטלורא'ן.

דערויף נעמט א ווארט דער פראקוראר, וועלכער ערקלערט:

— שווארצבארד האט נישט אויסגעפיהרט דעם מארד אויסער די גרענעצען פון פראנקרייך, ווייל די שטאנד-געריכטען באשטראפען גאנץ הארט פאר אזא מאט, אין פראנקרייך אבער האט ער זיך געשטיצט אויף דער מילדקייט פון די געשוואוירענע געריכטען פון פאריז.

טארעס נעמט א ווארט און דריקט אויס די העכסטע זיין האפנונג, אז שווארצבארד וועט ווערען בעפרייט אזוי גוט, ווי ס'איז בעפרייט געווארען דער מערדער פון וואראווסקי'ן אין לאזאן.

קאמפינקי בעמערקט, אז ס'איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען, צו די ערמארדעטע, וועלכע שווארצבארד רופט אן זיינע קרובים, זענען פאקטיש זיינע קרובים אין נישט מענשען, וועלכע האבען נאר דעמזעלבען פאמיליען-נאמען.

דערויף ווערט ארויסגערופען דער עדות האמשענקא, וועלכער ערקלערט, אז פעטלורא איז שטענדיג ארויסגעטרעטען אלס פערטיידיגער פון די יודען. די פאגראמען זענען אויסגעפיהרט געווארען דורך נישט רעגולערע מיליטער-אבטהיילונגען, און אין די צייטען פון באלשעוויסטישען איבערשטאנד. האמשענקא זאגט, אז ער אליין האט געזעהען, ווי

פעטלורא האט מיט זיינע ברוסטען פערשטעלט די יודען

וועלכע די זעלנער האבען געוואלט שיסען מיט מאשינגעוועהר. ער געדענקט אויך, אז פעטלורא האט בעפוילען צו דערשיסען 4 זעלנער פאר בעטייליגונג זיך אין א פאגראם. פון דעם מאמענט, ווען פעטלורא האט זיך פאקטיש געשטעלט בראש פון דער ארמעע, איז נישט פארגעקומען קיין איין פאגראם, אין וועלכען ס'זאל זיך האבען בעטייליגט דאס מיליטער. די פאגראמען זענען ארויסגערופען געווארען דורך רוסישע קאזאקען, קרימינאלע עלעמענטען און באלשעוויקעס, וועלכע האבען געוואלט דערטרינקען אין בלוט די יונגע אוקראאינישע רעפובליק.

א סעקרעטאר רופט ארויס די ערקלערונג פון עדות, וועלכער זאגט, אז ווען אוקראאינא וועט צוריק ווערען אומאבהענגיג וועלען די יודען שטעלען פעטלורא'ן א דענקמאל. ווען פעטלורא וואלט נישט געווען, זאגט דער עדות, וואלטען נישט איבערגעבליבען קיין לעבעדיגע יודען, נאר הונדערטער טויזענדער.

דערנאך ווערט אויסגעהערט דער אוקראאינער [illegible] טומלאר, איצט א געוועזענער [illegible] אין א פאריזער פאבריק. אין די צייטען פון פעטלורא'ס ממשלה איז ער געווען א [illegible] אין פראסקוראוו. ער איז געווען אן עדות פון דעם שרעקליכען פאגראם, וואס איז דארט פארגעקומען דעם 16. פעברואר 1919, דורך דעם אטאמאן סעמעסענקא.

דער עדות דערצעהלט, אז דעם 16. פעברואר 1919 ארום 3 א זייגער נאכמיטאג האט די באלשעוויסטישע יוגענד צוזאמען מיט די עלטערע, וואס זענען געקומען פון מאסקווא, גענומען אטאקירען דעם וואקזאל אין פראסקוראוו, וועלכער איז אפגעהיטען געווארען דורך אוקראאינישע מיליטער, וואס איז געשטאנען אונטער דעם אטאמאן סעמעסענקא'ס קאמאנדע.

די באלשעוויקעס — זאגט ווייטער דער עדות — זענען אפגעשלאגען געווארען אין צענטער פון דער שטאדט און די שטאטישע בעפעלקערונג האט געוואלט אויסמארדען די באלשעוויקעס. מ'האט

אויסגעהרג'עט אלע איינוואוינער,

וועלכע מ'האט חושד געווען, אז זיי אונטערשטיצען די באלשעוויקעס. אין דעם ראיאן האבען זיך אויך בעטייליגט איינציגע אוקראאינישע זעלנער. צווישען די דערמארדעטע זענען אויך געווען א סך קריסטען. אויב די גרעסטע צאהל קרבנות זענען געווען יודען, איז עס לויט דער מיינונג פון עדות נאר דערפאר, ווייל היסטאריש האבען די יודען סימפאטיזירט מיט די באלשעוויקעס.

ווען פעטלורא האט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער געקומען קיין פראסקוראוו, וואו ער האט געשאפען אן אויסנאהמס-קאמיסיע, און ווי דער עדות מיינט, איז דער שולדיגער סעמעסענקא געשטעלט געווארען פאר א געריכט און מ'האט איהם דערשאסען.

דערנאך ווערט ארויסגערופען דער עדות אלבערט באדרי, וועלכער איז געווען אין אוקראאינא די גאנצע צייט פון פעטלורא'ס פאליטישער טעטיגקייט. באדרי ערקלערט, אז פעטלורא איז געווען א געגנער פון פאגראמען און ער האט געשאפען א מיניסטעריום פאר די ענינים פון די יודען.

די פאגראמען אין די יאהרען 1918—1919 זענען אויסגעפיהרט געווארען דורך באנדעס פון א דעזארגאניזירטער ארמעע. די יודען פון אוקראאינא, — שטעלט פעסט דער עדות, — ווייסען אליין, אז פעטלורא האט אלץ געטון, פרי אויסצומיידען יודען-שחיטות, ווייל זיינע בעפעהלען זענען אומעטום געווען פערעפענטליכט.

די מיליטערישע אפטיילונגען, וועלכע פעטלורא האט געהאט צו זיין דיספאזיציע, האבען געשטאמט פון דער פריהערדיגער רוסישער ארמעע און די דאזיגע אפטיילונגען זענען געווען ווייט נישט דיסציפלינירט. דער עדות דערמאנט אויך, אז אלבערט טאמאס, דער לייטער פון אינטערנאציאנאלען ארבייטס-ביורא פון פעלקער-בונד, וועלכער איז געווען אין יאהר 1919 אין אוקראאינא, האט ערקלערט, אז מ'דארף צו העלפען ארגאניזירען די אוקראאינישע ארמעע, וועלכע וואלט בעדארפט פערנעהמען דעם פלאץ פון דער דעמאראליזירטער רוסישער ארמעע.

פארזיצענדער: ליבעט דעם עדות, אז ער זאל רעדען צו דער זאך און נישט דערצעהלען וועגען דער געשיכטע פון אוקראאינא.

דער פראקוראר פרעגט דעם עדות: צי איז איהם בעוואוסט, אז

פעטלורא האט ארגאניזירט פאגראמען

דערויף ערקלערט דער עדות, אז פעטלורא איז געווען א געגנער פון פאגראמען, אבער די אלגעמיינע אנארכיע, וואס האט דאן געהערשט אין לאנד, האט אוממעגליך געמאכט דאס בעקעמפען די פאגראמען אויף א ווירקזאמען אופן.

אדוו. טארעס: און וואס קאן דער עדות דערצעהלען וועגען פאגראם אין פראסקוראוו?

באדרי: וועגען די געשעהענישען אין פראסקוראוו קאן איך גארנישט זאגען. דאגעגען וואלט איך וועלען אונטערשטרייכען, אז אויך פאר 1914 זענען פארגעקומען פאגראמען אין א קלענערן מאסשטאב, וועלכע זענען געווען אלס רעזולטאט פון ריין עקאנאמישע מאטיווען, אזוי ווי הייַנט ס'איז פאלוטישען אונטערשלאג.

אדוו. טארעס אויפגערעגטער רופט אויס: וואס מיינט דאס צוליב עקאנאמישע מאטיווען? צי זענען די שרעקליכע פאגראמען, וועלכע זענען פארגעקומען אין יאהר 1905 אויך געווען צוליב עקאנאמישע סבות? פראנקרייך האט דאן געשאפען א ספעציעלען קאמיטעט צו בעקעמפען די פאגראמען.

באדרי: יא, ס'זענען געווען אויך פאלען, ווען די ארמיי-פארוואלטונג האט ארגאניזירט פאגראמען. צו דעם מין פאגראמען געהערען די, וואס זענען פארגעקומען אין יאהר 1905. אבער אין דער צייט פון בירגער-קריג, ווען די ארמעע איז געווען געצוואונגען צום רוקצוג זענען פאגראמען געווען אן אומפערמיידליכע זאך.

אדוו. טארעס: די פראנצויזישע ארמעע איז אויך געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען און דאך האט זי נישט געמאכט קיין פאגראמען.

אדוו. קאמפינקי: מ'קאן דא נישט מאכען קיין פערגלייך.

אוקראאינא איז נישט קיין ציוויליזירט לאנד.

אדוו. טארעס: די בלוטיגע פאגראמען אין אוקראאינא זענען פארגעקומען א סך פריהער, איידער די אוקראאינישע ארמעע איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען.

אדוו. קאמפינקי: פרי צו בעפרייען שווארצבארד'ן וואלט איהר, קאלעגע טארעס געדארפט צו האבען אמבעדינגט א פאגראם-רעדע פון פעטלורא'ן, וועלכע איהר וואלט דא געקאנט פארלייענען, אבער דאס וועט זיך אייך נים איינגעבען.

קאמפינקי'ס אויסרוף צו טארעס'ן און זיין אויפרעגונג האט געשאפען דעם איינדרוק, אז ער פיהלט זיך שוואך אויף זיין פאזיציע און אז ער האלט ביי קאפיטולאציע.

אדוו. טארעס לייענט איבער א דאקומענט, פון וועלכען עס ווייזט זיך ארויס, אז נאך דער קאנפערענץ פון פעטלורא'ן מיט סעמעסענקא'ן, וואס איז פארגעקומען נאך דעם פראסקוראווער פאגראם, איז סעמעסענקא ארויסגעגאנגען אין א זעהר גוטגעהויבענער שטימונג. דאס איז א בעווייז, אז פעטלורא האט נישט געשטראפט דעם בלוטיגען אטאמאן פאר דער גרויזאמער שחיטה, וואס ער האט אנגעארדענט אין פראסקוראוו.

אדוו. טארעס לייענט דאן איבער א צווייטען דאקומענט פון דעם פארשטעהער פון הייליגען רויטען קרייז, אז אין פעטלורא'ס פריקאזען ווערען די פאגראמען טאלערירט.

אדוו. קאמפינקי: פארוואס שיקט ער צו זיינע ערקלערונגען בריפליך? פארוואס קומט ער נישט פערזענליך צום פראצעס?

אדוו. טארעס: האט צייט, הער קאלעגע, איהר וועט איהם נאך האבען דעם כבוד דא צו זעהען.

אדוו. קאמפינקי: שווארצבארד דארף אלס לעגיטימער אויסלענדער ארויסגעשיקט ווערען פון פראנקרייך.

אדוו. טארעס: שווארצבארד איז נים קיין אויסלענדער. ער האט זיין בלוט פערגאסען פאר פראנקרייך און זי איז דערביי געווארען זיין פאטערלאנד!

די שטימונג אין זאל — א געהויבענע. אויפרודער אויף די בענק פון די געשוואוירענע. שטארקע אפלאדיסמענטען אויף די בענק פון פובליקום.

שארפער אינצידענט צווישען פארזיצענדען און קאמפינקי.

אדוו. טארעס לייענט דאן פאר אן ארטיקעל פון פראנצויזישען באטשאפטער אין מאסקווא, הערבעטע, וועלכער שרייבט, אז פראנקרייך קאן נישט סימפאטיזירען מיט פעטלורא'ן צוליב זיין פריינדשאפט, וואס ער האט ארויסגעוויזען צו דייטשלאנד.

אדוו. קאמפינקי ווערט אומגעדולדיג און רייסט איהם איבער די רייד.

פארזיצענדער: פארוואס רייסט איהר איבער? אדוו. טארעס האט דאך נאך נישט געענדיגט.

אדוו. קאמפינקי פערלירט זיך אינגאנצען. ער קלאפט אין פולפיט און שרייט אויס:

— ה' פארזיצענדער, איהר זענט פארטייאיש, איהר האט ספעציעלע סימפאטיעס פאר שווארצבארד'ן.

דער פארזיצענדער רייסט איהם איבער און רופט איהם צו ארדנונג.

דערמיט זענען פערענדיגט געווארען די אונטערהאנדלונגען פון פינפטען טאג.

די שטימונג איז הייַנט געוואלדיג געשטיגען לטובת שווארצבארד'ן.

רייניגקייטס-פארשריפטען פאר די בעקערייען.

וואס יעדער בעקער דאַרף וויסען.

(ג) צוליב דעם, וואס די סאניטארע מאכט אין לאדז פיהרט איצט אדורך א שטרענגע רייניגונגס-אקציע ביי די באקערייען-בעזיצער, איז כדאי אויפמערקזאם צו מאכען אויף די פארשריפטען בנוגע בעקערייען-לאקאלען.

יעדע בעקעריי-ווערקשטעל מוז גע- [illegible]

[illegible] אויף איהם נישט האלטען. א נויטווענדיגע ריינקייט מוז אויך זיין איבער'ן אזוי-גערופענעם פוס-גרויס.

די ווענד פון דער בעקעריי מוזען יעדע 10—14 טאג אפגעוואשען ווערען מיט ווארעם וואסער און מוזען מינדעסטענס ביז דער העלפט געשמירט זיין מיט אייל-פארב. דער פוסיט מוז זיין בעקלאפט מיט דויערהאפטען בלעך און בעשמירט מיט אייל-פארב. דער אויווען מוז פון צייט-צו-צייט אויסערליך אפגעמאלט ווערען, דערביי לעגט די סאניטאר-מאכט גרויס געוויכט דערויף, אז די הלבשה פון די בעקער-ארבייטער זאל זיך געפינען אין א ספעציעלער גארדע- [illegible]

מחמת, דעם, וואס אין פיל לאדזער בעקערייען זענען ביז איצט אזעלכע ארדנונגען נישט דורכגעפיהרט געווארען, האט די סאניטאר-מאכט פערזיגעלט מעהרערע בעקער-אויווענס. די ניי-איינגעפיהרטע איינריכטונגען וועלען געהעריג ענטשפרעכען די פאדערונגען פון די סאניטאר-פארשריפטען און היגיענע

פון „קרן-היסוד".

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אנהויב פון יאהר תרפ"ח מאכט שוין דער „קרן-היסוד" קאמיטעט פארבערייטונגען צו דער היי-יעהריגער קה"י-אקציע, וועלכע דארף זיך אנהויבען די נאהענטסטע טעג. צום אנהויב פון דער אקציע וועט קומען קיין לאדז דער פארטרעטער פון הויפט-דירעקטאריום פון „קרן-היסוד" אין ירושלים, וועלכער וועט ווילען אין פוילען.

עס איז צו האפען, אז די יודישע בעפעלקערונג אין לאדז וועט ארויסווייזען דאס געהעריגע פערשטענדניש און וועט ערפילען איהר חוב לגבי דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל, בפרט צוליב דעם איצטיגער שווערע לאגע דארט.

א בריוו אין רעדאקציע.

בעסטער הערר רעדאקטאר!

איך בעט אייך מיר צו ערלויבען צו לאזען וויסען דורך אייער צייטונג, אז איך האב איבערגעגעבען דעם אינטערנאציאנאלען רעפערטואר-ביורא סטאניסלאוו רעכטלעבען, יודישע אפטיילונג, ווארשא, לעשנא 42, די פערטרעטערשאפט פון מיינע ביהנען-ווערק פאר דער גאנצער וועלט אין דער יודישער שפראך. איך בעט אלע טעאטער-דירעקטארען, ארטיסטען און פעראיינען, וועלכע ווילען אויפפיהרען מיינע דראמען, זיך צו ווענדען צו ה' סטאניסלאוו רעכטלעבען וועגען דעם. אויך האט ה' סטאניסלאוו רעכטלעבען דאס רעכט אויסצומאהנען פאר מיר מיינע טעאטער-טאנטיעמעס פון אלע ביהנען, וואס שפילען מיינע ווערק אין דער יודישער שפראך.

מיט אכטונג

(—) ש"לום אש.

קופאן № 88
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער בעזיצער פונ'ם דאזיגען קופאן קאן בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול — פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט, מאנטאג
ד. 24. אקטאבער פון 8—9 אוו.

נעכטען איז פארגעקומען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג.

הייסע ויכוחים מכח די אונטערשטיצונגס-געלדער, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארן דורך דער קהל"ה אויף יו"ט. „אגודה"-פרנסים פראטעסטירען געגען דער האנדלונג פונ'ם פרעזעס און פערלאזען דעמאנסטראטיוו די זיצונג.

(ג) נאך א הפסקה פון מעהרערע חדשים איז ענדליך געלטען זיך צונויפגעקומען אויף א זיצונג די לאדזשער יודישע קהלה-פערוואלטונג.

צו דער זיצונג זענען געקומען: פרעזעס רוס, רעפ. ד"ר ראזענבלאט, אדוו. ווייצמאן, ראובן האפמאן, זיידענפעלד, זעלמאנאוויטש, רעפ. ל. מינצבערג, בערגער, זאמערפעלד, וואידיסלאווסקי, פליוואצקי, שווידלאווסקי און דער פערטרעטער פון ראבינאט הרב ווייגזאפט.

פרעזעס רוס האט איבערגעלייענט די טאג-ארדנונג: קאנסטיטוציע, בעריכט פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף, רעגולירען די פראגע וועגען הערצ'ס אבראמא, משוגעים-הויז, בודזשעט פאר 1927.

ווי געוועהנליך, איז עס אהן א ויכוח מכח ענדערן דעם סדר פון די פונקטען נישט אדורכגעגאנגען. די דאזיגע אפבערנישען האבען געדויערט א היבש צייט און — געבליבען איז עס ביים אלטען.

דערויף האבען זיך אנגעהויבען שוטען אנפראגען און אינטערפעלאציעס.

פרנס מינצבערג האט געשטעלט אן אנפראגע אויפ'ן אדרעס פון פארזיצענדען, פארוואס ער האט אויסגעצאהלט אונטערשטיצונגען אויף ראש-השנה אהן הסכם פון דער פערוואלטונג; הלמאי ער האט זיך בעגנוגענט בלויז מיט א בעשלוס פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף?

פרנס פליוואצקי האט אין א צווייטער אנפראגע חושד געווען די קאמיסיע פאר סאציאלער הילף, אז זי האט אויף א [illegible] אופן פערטיילט די ארויסגעגעבענע שטיצעס. אגב האט ער בעהויפטעט, אז די בלומר'שטע שטיצעס זענען אין דער אמת'ן אוועק אויף [illegible] צוועקען.

פרעזעס האט ערקלערט דאן, אז די שטיצעס זענען ארויסגעגעבען געווארען לויט א בעשלוס פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף, ד. ה. אין פולען הסכם מיט די פארשטעהער פון אלע קהלה-פראקציעס, וועלכע זענען פערטרעטען אין יענער קאמיסיע. היות די פראגע פון שטיצע איז אויף יום-טוב געווען זעהר דרינגענד און דאס ארויסצוגעבענע געלד איז נישט געקומען פון די קהלה-פאנדען, נאר פון די לאנדאנער געלדער, — האט דער פרעזעס געפונען פאר נויטיג די שטיצע ארויסצוגעבען. איבריגענס האבען זיך מכח דעם ענין צו איהם געווענדעט אלע פראקציעס-פארשטעהער פון דער סאציאלער קאמיסיע (בתוכם אויך פון דער „אגודה") און האבען איהם פערזיכערט, אז ער וועט קיין חטא נישט בעגעהן דערמיט, וואס ער וועט פערטיילען די שטיצע.

פרנס מינצבערג האלט, אז הגם די „אגודה" האט זיך געווענדעט וועגען שטיצע — האט דער פרעזעס נישט געהאט קיין רעכט ארויסצוגעבען געלד אהן הסכמה פון דער פערוואלטונג.

עס קומט צו א שארפען ווערטער-אויסטויש צווישען פרנס ווייצמאן און פרנס פליוואצקי אלס פארזיצענדער פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף. פערטיידיגט ווייצמאן די דאזיגע קאמיטעט [illegible] געגען אנגריף פון פרנס פליוואצקי.

עס רעדען נאך די פרנסים ד"ר ראזענבלאט, האפמאן און זעלמאנאוויטש, וועלכע שטיצען אונטער מעהר-ווייניג די אויספיהרונגען פון פארזיצער און עס ווערט אקצעפטירט די ארויסגעגעבענע יום-טוב-שטיצע (1300 זל.) ס'ווערט אויך בעשלאסען ארויסצוגעבען אויף שטיצע פאר נויטבעדערפטיגע פאלען נאך 8700 זל. ד. ה. ס"ה 10.000 זל.

עס ווערען דערויף בעשטעטיגט מעהרערע אפגעגעבענע ביטעס אויף שטיצע.

פרנס מינצבערג איז געגען דאזיגען בעשלוס. ער טראגט ארויין א רעזאלוציע לויט וועלכער די קהלה-פערוואלטונג פראטעסטירט געגען דער האנדלונג פון פארזיצענדער צוליב'ן ארויסגעבען 1300 זל. שטיצע.

פרנס ד"ר ראזענבלאט טרעט ארויס מיט א קאנטרע-פארשלאג: אז די פערוואלטונג נעמט צו קענטניש די האנדלונג פון פרעזעס רוס.

צום סוף ווערט אנגענומען ד"ר ראזענבלאט'ס פארשלאג (מיט 8 שטימען).

ווייטער גיט אפ פרנס ווייצמאן א בעריכט פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף. ער לעגט פאר, אז די פערוואלטונג זאל בעשטימען אויף מצות-געלד 4000 זל. אויף שטיצע. די אגודה-פראקציע טרעט ארויס עקשנות'דיג געגען דעם. זעהענדיג, אז איהר שטעלונג פאלט אדורך, פערלאזען די אגודה-פרנסים דעם זאל, דעמאנסטרירענדיג דעם קווארום.

מ'וועט אויס, אז די „פראדוקטיוויטעט" פון דער קהלה הויבט אן ווייטער צו געהן אויפ'ן אלטען אויסגעטרעטענעם וועג...

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש — 20 —
גאסטראלען פון די בעליבטע אמעריקאנער געסט
אנא און היימאן יאקובאוויטש
היינט מאנטאג, ד. 24-טען אקטאבער, 9 אווענד
גרויסע פאפולערע פארשטעלונג. פון 1 ביז 2.50
פאלעסטינער ליבע
אין 3 אקטען מיט פראלאג פון ליליען, מוזיק פון פערלמוטער.
רעזשיסירט דורך היימאן יאקובאוויטש.
הויפטראלען: מרים—אנא יאקובאוויטש, אפיציר—היימאן יאקובאוויטש.
פאלגענדע לענדער נעמען אנטייל אין „פאלעסטינער ליבע" אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, רומעניען, דייטשלאנד, רוסלאנד, כינא און יאפאן.
ס'נעמט אנטייל: פר' זעווקינא, בעזמאן מאכאראווסקא, פאדערמאן. ה"ה: בירנבוים, ארי על, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, פאליאנסקי, צוויליך.
רעשעפסם-פיהרער: בעזמאן. בינע-לייטער: מאכאראווסקי.
מוזיקאלישע לייטונג: ל. זעלמאן. בילעטען אין קאסע פון פילהארמאניע.
אנאנס! די נאהנטסטע פרעמיערען: דער רבי האט געהייסען פרעליך זיין, מאלי דאלי, מאשקע ווערט א כלה.

[ד]ער גרויסער שוואַרצבאַרד-פּראָצעס

(איינדרוקען, שילדערונגען, בעריכטען, ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט")

פּאַריזער שטימונגען.

וואָס רעדט מען צווישען יודען אין פּאַריז. — די האַלטונג פון די איינגעבוירענע פראַנצויזישע יודען. — „ניטאָ פאַר וועמען זיך אָפּצורעדען דאָס האַרץ". — דער סימבאָל.

פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט
ד"ר א. ווינאָגראַדאָוו.

אויפגעצוואונגענער גערודער און ... דאָס יודישע פּאַריז אויפ... דעם אַנהויב פון שלום שוואַרצ... פּראָצעס. וואָס לענגער דער ... פאָרציהט זיך, אַלץ מעהר ... קלאָר, אַז שלום שוואַרצבאַרד ... איז דאָ נאָר אַ'עדות, אַז דער ... זיינערמאָכער איז נישט ... ווי אַ צופעליגע פּערזאָן און דער ... מאָנעדיע, וואָס מיר אַלע זע...

...

און יודען שטעהען און לאַפּקע'ען און יודישען פּערטעל און האַמטערן זיך: „ווי פערגלייכט איהר צו אוהם פּיזי ... ? אַ פּרה אַנדערע ... מיר מוזען אוהם אַרויסנעמען!"

מיר מוזען אוהם אַרויסנעמען.

* * *

מען דאַרף מודה זיין, אַז די פראַנצויזישע עפענטליכע מיינונג איז נישט ... צו דעם פּראָצעס ...

טשיקאַווע מאָמענטען פון פּראָצעס.

קאַמפּינסקי רופט אַן שוואַרצבאַרד'ן — פּעטליורא.

דער טאָג איז נישט געווען פאַר דער ...

...

היט דאָס עסענוואַרג פון שמויב און פליגען — טיפוס הערשט אין שטאָט!

שוואַרצבאַרד דערצעהלט פאַרן טריבונאַל, ווי אַזוי און פאַרוואָס ער האָט דערהרגעט פּעטליורא'ן.

פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט
נ. מעלניק.

(ענדע פון נעכטען).

דער פּרעזידענט שטעלט שוואַרצבאַרד'ן אַ פּאָר פראַגען:

פּרעזידענט: צי קענט איהר קאַוואַל וואָלדעמאַר: — ער בעהויפּטעט, אַז ער האָט איך געזעהן אין רעסטאָראַן מיט אייער פרויענד. — קאַוואַל איז געווען מיט פּעטליורא'ן, איהר האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, און פּעטליורא האָט געבעטען צו רעדען שטילער. — ...

אַרמעע — האָבען גע'הרג'עט, געשאָסען אומשולדיגע נפשות... דריי גאַנצע יאָהר האָבען געדויערט די שחיטות... שוידערליכע בילדער האָב איך געזעהן... אין אַ קליין שטעטיל וואו ס'האָבען איינגעצען געוואוינט 18 יודישע משפחות — ...

...

די קונסט פון אַן אַדוואָקאַט אויסצופרעגען די עדות

די פערשידענע מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוקריגען דעם אמת ביי אַן עדות. — „טריקען" פון אַדוואָקאַטען צו צווינגען אַן עדות צו זאָגען דעם אמת.

פון **ל. פאַגעלמאַן.**

I

...

וואָס ער וויל אַרויסבריינגען דורך זיינע פראַגען, און דאָס אַליין צווינגט אָפט דעם עדות צו זאָגען דעם גאַנצען אמת.

די הויפּט-זאַך פאַר אַן אַדוואָקאַט ביי אַ פערהער איז נישט צו פערלירען דאָס געדולד. ...

...

(ענדע—זעה 9)

גראָסע באלפור-פייערונג דעם 2. נאָוועמבער.

אַדרעס פונ'ם פוילישען יודענטום צו לאָרד באַלפור.

וואַרשאַ. (ספּעציעל צום „ל. ט.") די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין פוילען מאַכט פאָרבערייטונגען צו די גרויסע פייערליכקייטען, וואָס וועלען פאָר-קומען מיטוואָך, דעם צווייטען נאָוועמ-בער, צוליב דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, וועלכע האָט בעשטעטיגט די יודישע רעכט אויף ארץ-ישראל און צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פונ'ם גלות פראָקלאַמירט דאָס יודישע פאָלק אַלס בערעכטיגט צו אַן אייגענעם מלוכה-לעבען אין אַן אייגען לאַנד.

די דאָזיגע פייערליכקייטען וועלען פאָרקומען אין גאַנץ פוילען און אין זייער פראָגראַם בעשטעהען אַרײַן מאַניפעס-טאַציעס און מיטינגען פון אַלע ציוניס-טישע פאַרטייען און גרופּירונגען. צוזאַ-מען דערמיט וועט איבערגעשיקט ווערען דעם לאָרד באַלפור אַן אַדרעס מיט אונ-טערשריפטען פון פוילישען יודענטום. אין דער דאָזיגער שריפט וועט קומען צום אויסדרוק נישט נאָר דאָס געפיהל [illegible]

[illegible]

וואָס האָבען לעצטענס בעהערשט די יו-דישע גאַס, איז נישט געבראָכען דער יודישער ווילען אויפצובויען ארץ-ישראל און עס מאַכען אַזוי יודיש ווי עס איז געווען דער גלויבען און טרוים פון יו-דישען פאָלק אין יענע יאָהרען ווען די באַלפור-דעקלאַראַציע איז צום ערשטען מאָל פערעפענטליכט געוואָרען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער צ. ק. פון דער ציוניסטישער אָרגאַני-זאַציע אין פוילען אויפגעבעטען, זונטאַג, צוזאַמענגערופען אַ געמיינזאַמע בעראַ-טונג פון אַלע ציוניסטישע פעדעראַציעס, גרופּירונגען און אינסטיטוציעס, כדי אויסצואַרבייטען אַ בענויען פּלאַן פון דער פייערונג.

ענדגילטיגער רעזולטאַט פון די שטאָט-ראַט-וואַהלען

(אַ בריוו פון טשענסטאָכאָוו).

[illegible]

שטימען — 2 מאַנדאַטען, די אַגודה... גינג 2124 שטימען—2 מאַנדאַטען, דער „בונד" 1570 שטימען—2 מאַנדאַטען.

די איבריגע יודישע ליסטעס ווי רעכ-טע פּועלי ציון און צ. ס. ווי אויך די לינקע „פּועלי ציון" האָבען קיין מאַנ-דאַטען נישט אַדורכגעפיהרט.

[illegible] לער, דוד פיליפּאָוויטש, יצחק מאיר קרעל און שמואל גאָלדשטיין, פון די האַנד-ווערקער—ד"ר ה. גייסלער און י. גאָלד-בערג. פון בונד—רפאל פעדערמאַן און מ. לעדערמאַן און פון די „אונאָפּהענ-גיגע"—דוד שלעזינגער און איין פוילי-שער ראַטמאַן. מ. צ.

שטאָט-ראַט-וואַהלען אין ראַדאָמסק וועלען איבערגעחזרט ווערען נאָכאַמאָל.

ראַדאָמסק. (טעלעגראַם) צוליב דעם, וואָס 12 יודישע און פוילישע ראַטמענער פון ניי-אויסגעוועהלטען שטאָט-ראַט אין ראַדאָמסק האָבען געלעגט די מאַנדאַטען, און דער שטאָט-ראַט איז אַזוי אַרום צעשפּליטערט געוואָרען, וועלען נאָכאַמאָל דאָרט פאָרקומען וואַהלען וואַהרשיינליך דעם 10. אָדער דעם 15. יאַנואַר. (ע)

ביאַליסטאָקער מיידעל גיט דעם טויטען טאַטען אַ תקיעת-כף.

אַז זי וועט נישט חתונה האָבען מיט איהר קריסטליכען געליבטען און זי ווערט פון שרעק פּאַראַליזירט.

[illegible]

[illegible] זיך אַרויסגעפיהרט, אַז אַ האַלבער קער-פּער איז איהר פון שרעק פּאַראַליזירט געוואָרען.

די שכנים גלויבען, אַז דאָס האָט עס דער פאָטער געמיינט מיט זיין „כפּרוֹא-רעניש". צום גליק אַבער איז איהר צו-שטאַנד איצט בעדייטענד בעסער.

געלד, בלוט און פרויען.

אַ ראָמאַן פול מערקווירדיגע איבער-לעבענישען און ליידענשאַפטען.

(127-סטע פאָרטזעצונג.)

[illegible]

סע טרעהרען פון אַ חאָרץ, וועלכעס ווערט צעריסען פון שמערץ און [illegible]

מען האָט געמוזט אָרעקטראָגען עלווירא'ן אין איהר צימער און [illegible] נאָכ'ן דאָקטאָר. די גרעפין ראַדעצקי, מאַקס און נאַגי האָבען געזע[ססען] [illegible] זענען יעצט איבעריג. זיי האָבען אַבשיד גענומען פון דער גרעפין און [illegible] זענען אָוועקגעפאָהרען אַ היים.

— איך האָף, אַז עלווירא וועט זיך בערוהיגען און מיר וועלען [illegible] גען מאַכען אַן'עפענטליכע פערלאָבונג, האָט נאַגי געזאָגט דער גרעפין פאַר'ן אָוועקפאָהרען.

קאַפּיטעל 58.

די פערלאָבונג.

זיינע איינציגע טעג איז דער שטומער בעטלער געוואָרען אַן'אָפען[ער] [illegible] געהער אין שלאָס ראַדעצקי. ער האָט אָנגעהויבען צו קומען יעדען [illegible] שלאָס און פלעגט גיהן גלייך אין קיך. ער איז בעוואָרען נאָך עלט[ער] [illegible] איינגעבויגענער, נאָך איינגעקנייטשטער. זיינע האָר זענען געוואָרען [illegible] סער, זיין געזיכט נאָך בלייכער, עס איז געווען צו דערקענען, אַז [illegible] קראַנק.

די דינער פון שלאָס האָבען געהאַט מיטלייד מיט'ן אַלטען, שווא[כען] [illegible] שטימען בעטלער. זיי פלעגען איהם לאָזען זיצען אין קיך. פלעגען איה[ם] [illegible] עסען און טרונקען און אַ מאָל פלעגען זיי איהם צווואַרפען אַן'אַלט[ען] [illegible] אָדער אַן'אַלטע פאַר הויזען.

זיי פלעגען זיך אָפט וואונדערן, וואָס דער שטומער בעטלער עס[ט] [illegible] ווייניג; אָפט פלעגט ער זיך נישט צורירען צו די עסענס, וועלכע [illegible] איהם געגעבען. ער פלעגט נאָר עפּעס פערזוכען פון די בעסערע עס[ענס] [illegible] דאָס איבעריגע לאָזען שטעהן.

— ער איז קראַנק, פלעגען זיי זאָגען, דער אָרימער מאַן קאָ[ן] [illegible] נישט עסען.

דער שטומער בעטלער פלעגט אָהנעקוקען שעה'ן לאַנג אין דער [illegible] דינער פלעגען נישט מורא האָבען פאַר איהם צו רעדען איבער אַלץ, [illegible] פּאַסירט אין שלאָס. לאַקייען און דינסטמעדלעך האָבען ליב צו פלירט[ען] [illegible]

אין דעם טאָג ווען די גרעפין ראַדעצקי מיט איהר זוהן זענען גע[ווען] [illegible] אין שלאָס טאַקי אויף די פערלאָבונג, האָט זי בעגעבען אַלע איהר[ע] [illegible] פּרעזענטער, און האָט געהייסען מאַכען פאַר זיי אַ מיטאָג. ווען אַלע [illegible] בען געגעסען און געטרונקען, איז אָנגעקומען דער שטומער בעטלער. [illegible] איהם אויפגענומען פאַר אַ גאַסט און מען האָט איהם געזעצט ביים [illegible] מיט אַלעמען.

מען האָט איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען דאָס בעסט[ע] [illegible] מען האָט געהאַט. דער שטומער בעטלער איז אַבער היינט געווען [illegible] און האָט גאָר נישט געגעסען. ער האָט אויסגעטרונקען נאָר [illegible] טאָקייער ווין.

— טרינק, יאַקי! האָבען איהם געזאָגט די דינער, טרינק אויף [illegible] פון רעם גנעם פּאָר-פאָלק!

דער שטומער בעטלער האָט געקוקט אַלעמען גלייך אין די אויג[ען] [illegible] ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהם. מען האָט איה[ם] [illegible] ערקלערען דורך צייכענס, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז היינט אין שלאָ[ס] [illegible] האָט זיך יעדער דינער געריהמט מיט'ן פּרעזענט, וואָס די גרעפין [illegible] קי האָט] איהם געשענקט. יעדער האָט געוויזען דעם שטומען בעטל[ער] [illegible] פּרעזענט, וואָס די גרעפין האָט איהם געשענקט.

דער שטומער בעטלער איז אַבער היינט געווען זעהר קראַנק [illegible] ריג, ער איז נישט לאַנג געזעסען אין דער פרעהליכער געזעלשאַפט. [illegible] באַלד אָוועקגעגאַנגען. די דינער אין שלאָס ראַדעצקי האָבען זיך [illegible] נישט אומגעקוקט זיי זענען שוין געווען האַלב בעטרונגען.

פון שלאָס ראַדעצקי איז דער שטומער בעטלער געגאַנגען [illegible] טאַקי. דאָרט איז אויך אַלץ געווען פריילך און לוסטיג. דאָס גאַנצע [illegible] געווען בעהאָנגען מיט בלומען און מיט גירלאַנדען. די דינער זענ[ען] [illegible] פרעהליך, האָבען געגעסען געטרונקען, געלאַכט, געשפּאַסט, געלאַרמ[ט] [illegible] לוסטיג געמאַכט.

דער שטומער בעטלער איז געווען אַ ווילקאָמענער גאַסט אין [illegible] קי, ווי ער איז געווען אַ גוטער גאַסט אין שלאָס ראַדעצקי. קוים [illegible] איהם דערזעהען, האָט מען איהם באַלד אַריינגעפיהרט אין קיך און [illegible] איהם געגעבען אַ גרויסען בעכער וויין. דער שטומער בעטלער האָט [illegible] דעם בעכער און האָט איהם געוואָלט צו טראָגען צום מויל. דער [illegible] אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענט און האָט זיך אויסגעגאָסען.

די דינער האָבען איהם ערקלערט דורך צייכענס, אַז היינט אי[ז] [illegible] לאָבונג פון עלווירא מיט'ן יונגען גראַף פאַן ראַדעצקי. דערביי האָט [illegible] צעהלט, אַז די פערלאָבונג האָט נאָך געזאָלט זיין נעכטען, עלווירא [illegible] פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און מען האָט געמוזט אָבלעגען די פערלאָ[בונג] [illegible] היינט אָוועקט.

מען האָט אָנגעגאָסען דעם שטומען בעטלער אַן'אַנדערן בע[כער] [illegible] ער האָט איהם גענומען אין די הענט און דער בעכער איז ווידער אַר[ויסגעפאַ]לען ביי איהם פון דער האַנט.

— וואָס איז היינט מיט איהם? האָבען די דינער געפרעגט איי[נער דעם] אַנדערן.

— ער איז בעווייז קראַנק, דער אָרימער מענש. לאָמיר איהם [illegible] לאָזען. ער וועט היינט עסען ביי אונז אַ גוטען מיטאָג.

אין שלאָס טאַקי איז ווירקליך היינט געווען אַ גרויסע פריי[ד] [illegible] בעהט דער גרויסער טאָג, ווען די פערלאָבונג פון עלווירא מיט'ן גר[אַף] [illegible] פאַן ראַדעצקי האָט שטאַט געפונען. היינט האָבען זיך ווירקליך אַל[ע] [illegible]

עלווירא האָט זיך געפילט גאַנץ גוט, זי איז היינט גאַנץ פריי[לעך] [illegible] זי האָט אַפילו געלאַכט און געשפּאַסט. ווען אַ גוטער מענשענקענער [illegible] טער וואָלט זיך געווען בעסער צוגעקוקט צו עלווירא, וואָלט ער זיך [illegible] קען פאַר איהר געלעכטער ער וואָלט איהר דאַן אַ קוק געטאָן אין ד[י] [illegible] און וואָלט דערזעהען, אַז אין זיי ברענט אַ זאָנדערבאַר פייער.

ליידער האָט עס קיינער נישט בעמערקט, אָדער קיינער האָט [illegible] בעוואָלט בעמערקען. די גרעפין טאַקי האָט געגלויבט אַז עלווירא איז [illegible] בעזונד, אין פרעהט זיך וואָס זי איז פערלאָבט מיט אַ שטאָלצען גראַ[ף]

(פאָרטזעצונג קומט.)

דער גרעסטער „בעל-מופת" און דער גרעסטער שווינדלער פון אַלע צייטען.

די שטוינענדע געשיכטע מיט דעם יוד. „גראַף" קאַליאָסטראָ.

פון י. א. בערלאָוויטש.

II

דער גרויסער קאָפט.

מיר האָבען שוין דערמאָנט, אַז דער גראַף קאַליאָסטראָ איז געווען שרעקליך פרום: ער פלעגט תמיד רעדען וועגען גאָט. ער האָט געהאַלטען, אַז נאָר אדם חנוך, נח, שם און די אבות אברהם, יצחק און יעקב אויך משה און אהרן האָבען געוואוסט דעם געטליכען אמתן אמת, אַז די נביאים האָבען פון דעם ריינעם אמת געגעבען פיל ווייניגער, און אַז דאָס קריסטענטום האָט דעם אמת איינ-גאַנצען פערדרעהט, פערקריפּעלט און גע-מאַכט איהם נישט צו דערקענען. זיין איינציגע שליחות, ווי ער פלעגט זאָגען, איז בעשטאַנען אין דעם, אַז די געטלי-כע וואָהרהייט זאָל ווידער אויפשיינען פאַר דער מענשהייט אין איהר פולער ריינקייט און עכטקייט, ווי אין דער צייט פון די אבות מיט אָט דער שליחות איז ער, הערסט דאָס, געפאָהרען פון לאַנד צו לאַנד און געזוכט אויסדערוועהלטע, וועמען ער זאָל פערטרויען די סודות פון זיין תורה. ער פלעגט זיך דערהויפּט ווענדען צו די רעליגיעזע סעקטעס פון פון די פראַנק-מאַסאָנען (פריי-מויערער), וואָס זענען יעמאָלט, ערב דער גרויסער רעוואָלוציע, געווען זעהר פערשפּרייט אין אַלע לענדער און בפרט אין פראַנק-קרייך. צו די סעקטעס האָבען געהערט די אָנגעזעהענסטע און געבילדעטסטע מענ-שען פון יענער צייט, ווי וואָלטער, קאָנ-דאָרסע און אַנדערע. די העכסטע פאַר-שטעהער פון די אַריסטאָקראַטיע און די וויכטיגסטע רעגירונגס-לייט האָבען מיט התמדה געשטודירט די מאַסאָנישע תורה און קאַליאָסטראָ האָט געוואָלט אָט די תורה איינגאַנצען איבערמאַכען און גע-בען די מאַסאָנען אַ ניי אמונה. ער האָט זיי דערצעהלט, אַז ער האָט גע-בראַכט מיט זיך די סאַמע פערבאָרגענ-סטע סודות פון די כישוף-מאַכער פון עגיפּטען, — די סודות, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט מיט טויזענדער יאָהר-רען צוריק ביי די זעלבע כישוף-מאַכער, ביי וועלכע עס האָט זיך געלערנט אויך משה רבנו אין יענע יאָהרען. דער הייליגער גייסט פון דער עגיפּטישער מאַסאָ-נען-רעליגיע איז, לויט קאַליאָסטראָס תער-טער, געווען „דער גרויסער קאָפט" קאָפּ-טען — אַ געוויסער עגיפּטישער שבט, וואָס האָט אויפגעהיט ביז היינטיגען טאָג די אַמאָליגע עגיפּטישע שפּראַך און דן הערגליפּישע קונסט). אויך זיך אַליין האָט קאַליאָסטראָ גערופען מיטן זעלבע נאָמען „דער גרויסער קאָפט" און אונטער דעם נאָמען איז ער בעקאַנט געוואָרען צווישען דעם נייעם מאַסאָנישען אָרדען וועלכען ער האָט געגרינדעט און וועל-כער האָט גאָר אינגיכען זיך צעוואַקסען אין אַ ריזיגער אָרגאַניזאַציע, צי וועל-כער עס האָבען אָנגעהערט די הכסטע לייט פון יענער צייט.

און נישט נאָר קאַליאָסטראָ אַליין האָט אַרויסגערופען אַן'אַלגעמיינע פערוואונדע-רונג.

זיין פרוי, די פרוי פון „גרויסען קאָפט", איז געווען נישט ווייניגער בעריהמט ווי ער אַליין. זי איז געווען אַזוי שעהן אַז מען האָט וועגען איהר שעהנקייט דער-צעהלט גאַנצע מעשיות, און די פּאָעטען פון יענער צייט האָבען איהר בעזונגען אין בעגייסטערטע לידער. מען פלעגט אין עלע לענדער מיט'ן גרעסטען ברען רעדען וועגען יעדע איינצעלהייט פון איהר פנים און איהר פיגור. מענשען, וואָס האָ-בען איהר אַפילו אין די אויגען נישט געזעהן, פלעגען זיך שלאָגען אויף דועלען, צוליב דער פראַגע, אויף וועלכער באַק האָט גרעפין קאַליאָסטראָ אַ חן-גריי-בעלע און וואָס פאַר אַ פאַרב עס האָבען איהרע אויגען. מען קען זאָגען, אַז די געהיימניספולע פאַר פאָלק האָט פער-דרעהט די קעפּ דער גאַנצען וועלט. די געפלאַנטע פאָלקס-מאַסען פלעגען מיט פערגעטערונג קושען זיינע טריט און פערשעהנערען דאָס אָרימע וואַכעדיגע לעבען מיט טרייסט-געשיכטען וועגען דעם זאָנדערליכען דערלעזער און וועגען זיין פרוי, וואָס איז הערליך ווי אַ פלאַך. די העכערע געזעלשאַפט, די גרויסע הער-שער, די אַדעל-לייט און די גייסטליכע, זענען ממש אויסגעגאַנגען צו ווערען בעקאַנט מיט די קאַליאָסטראָס און צוגע-לאָזען צו ווערען אין זייער געזעלשאַפט.

„דאָס גינסטיגע פעלד פאַר גיפ-טיגע געוויקסען".

גאַנץ גיך האָט קאַליאָסטראָ אויפגע-רודערט די גאַנצע בעפעלקערונג פון פראַנקרייך מיט זיינע וואונדערליכע מע-שים. ער האָט ענדליך אויך בעוויליגט צוצולאָזען צו זיך געוויסע פאָרשטעהער פון העכערען אדעל, וועלכער איז געוואָ-רען אין אַ קורצער צייט איינער פון דעם גראַף'ס גרעסטער פערעהרער. ער האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען בעגלויבט אין דער געטליכער קראַפט פון קאַליאָסטראָ. מיט התפעלות האָט ער אַלע זיינע פריינד דערצעהלט וועגען די נסים, וואָס קאַ-ליאָסטראָ האָט געטאָן פאַר זיינע אויגען. ער פלעגט אַלעמען וויזען אַ טייערען קונציג-אויסגעאַרבייטען רינג מיט אַ דיי-מענט, וואָס קאַליאָסטראָ האָט געמאַכט פאַר איהם אין די אויגען פון גאָרנישט, פון אַ פּראָסטען שטיקעל דראָט.

קאַליאָסטראָ איז געוואָרען זיין בעס-טער פריינד, און מיר וועלען זעהן ווי-טער, וואָס פאַר אַ שרעקליכע ראָלע ער האָט געשפּילט אין דער פערפּלאָנטער-טער מעשה מיט'ן האַלזבאַנד פון דער קעניגין און ווי זיינע נביאות האָבען גע-ווירקט אויפ'ן קאַרדינאַל יאַחאַן.

דער קאַרדינאַל, וואָס האָט פון אַ שעה-נער פרוי געהאַלטען מעהר ווי פון אַלץ אין דער וועלט, און וואָס איז געוועזען בעריהמט מיט זיינע ליבעס-אַוואַנטיורעס, האָט פערעהרט נישט נאָר דעם „געטלי-כען שליח", נאָר אויך זיין וואונדערבאַר שעהנע פרוי, מיט וועלכער ער האָט איינ-גיכען פערקניפּט די אינטימסטע בעציהונ-גען. זיין איינענער לעבען איז געוואָרען פערקניפּט און פערבונדען מיט'ן לעבען פון דער געהיימניספולער פּאָרעל, פון וועלכער ס'האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען גאַנץ אייראָפּאַ.

פון שטראַסבורג איז קאַליאָסטראָ גע-פאָהרען קיין פּאַריז, וואו אַלע האָבען שוין געוואַרט אויף איהם מיט אַ פיבער-דיגער אונגעדולד. ער איז נעפאָהרען מיט'ן גרעסטען פּאַראַד. עס האָט איהם בעגלייט אַ גאַנצע אַרמעע פון רייטער דינער און לאַקייען. אויסגעפּוצטע סאָל-דאַטען זענען געריטען פאַר זיין קאַרע-טע און מיט טרומייטען אָנגעזאָגט דעם עולם די בשורה פון דעם גרויסען בעל-מופת און וועגען זיין אָנקומען אין דער וועלט-שטאָט פּאַריז, אין דעם חיכטיג-סטען פונקט פון אייראָפּאַ. דער פער-זאַמעלטער המון, וואָס האָט זיך אויף די גאַסען געריסען צו זיין קאַרעטע, האָט איהם אָפּגעגעבען קעניגליכען כבוד. די עלזאַסער בעפעלקערונג איז געווען פער-זונקען אין טרויער צוליב דעם, וואָס דער וואונדערבאַרער מענש פערלאָזט איהר. פרויען האָבען געבראָכען די הענט פון פערצווייפלונג און געקלאָגט. אַז „דער גוטער גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי"...

פּאַריז איז אין יענער צייט געווען אויסערגעוועהנליך צוגעפּאַסט פאַר אַזא מענשען, ווי קאַליאָסטראָ. עס האָט יע-מאָלט געהערשט אַ מאָדנער מיש-מאַש אין די מוחות, ווי שטענדיג אין אַ צייט פון ערב אַ גרויסע רעוואָלוציע, בפרט אין די העכערע קרייזען פון דער גע-זעלשאַפט. פון איין זייט זענען אַלע גע-ווען דורכגעדרונגען מיט דעם אונגלויב-כען ציניזם און הפקירות. מען האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע הייליגקייטען. קיין זאַך איז קיינעם נישט געווען טייער. מען האָט געמאַכט חוזק פון אַלץ אין דער וועלט. די טעג און די נעכט האָט מען פערבראַכט אין הוליאַנקעס. איבער-געזעטיגטע פון אַלערליי פערגעניגענס

(ענדע—זייט 6)

לאָדזשער כראָניק.

קאָנטראָל-פערזאַמלונגען פון רעזערוויסטען.

ווער דאַרף זיך מעלדען?

(ג) דאָס מיליטעריש-פּאָליציאישע ביוראָ ביים מאַגיסטראַט מאַכט בעקאַנט, אַז עס קומען פאָר די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען פאַר רעזערוויסטען און לאַנד-שטורם מיט געוועהר (קאַט. A, C און C 1) פון די יאָהרגענג 1898, 1901 ווי אויך יענע שרעגאָלצפּס פון 1887, 1899, 1901, 1898 און 1890, וואָס האָבען זיך זעדאַרפט שטעלען צו די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען אין די יאָהרען 1925-6 און צוליב פערשידענע סבות האָבען זיי דאָס נישט געטאָן.

היינט, מאָנטאָג, דעם 24 אָקטאָבער דאַרפען זיך צושטעלען (פּ. ק. או. 1) אין דער קאָמיסיע נומער 1 (לעשנאָ 7-9) יאָהרגאַנג 1887 פון 7. קאָמיסאַריאַט פון H ביז Ż.

יאָהרגאַנג 1887 פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 קאָמיסאַריאַט היינט, דעם 24. אָקטאָבער — L ביז Ł.

אין די קאַשאַרען (קאָנסטאַנטינער 81, יאָהר-גאַנג 1899 פון היינט דעם 21 אָקט. פון 4. קאָמיסאַריאַט — R ביז Ż.

יאָהרגאַנג 1899 פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11. קאָמיסאַריאַט — H ביז Ch.

די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען הויבען זיך אָן 9 פריה, מען דאַרף מיטנעהמען מיליטערישע ביכלעך, דעמאָביליזאַציע-קאַרטע א. א. שטעלען דאַרף מען זיך פּינקטליך אין דער צייט.

נאַכט-דיזשור אין די אַפּטייקען.

(§) היינט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: אַנטאָניעוויטש, פּאַביאַניצער 50, באַגדזשינסקי, פּיעטריקאָווער 164, מאַקסימאָוויטש, פּושקינאַ 19, רעמבעליענסקי, אַנדזשעיאַ 26, זונדעלעוויטש, פּיעטריק. 25, קאַספּערקיעוויטש, זגיערזשער 54, טרייקאָווסקאַ, בושפּזשינער 56.

1 מיליאָן מיט 227,269 זל. האָט דער רעטונגס-קאָמיטעט

פערטיילט שטיצע אין משך פון 18 חדשים.

נעכטיגע בעריכטס-פערזאַמלונג אין רעטונגס-קאָמיטעט.

(ג) נעכטען, זונטאָג אָוונט איז אין אייגענעם לאָקאַל (שיענקיעוויטשא 3-5) פאָרגעקומען אַ בעריכטס-פערזאַמלונג פון רעטונגס-קאָמיטעט.

נאָכדעם, ווי דער פּרעזעס ה' ד. וואַקס האָט געעפענט די פערזאַמלונג, צו וועלכער עס זענען געקומען די חשוב'סטע כלל-טוער פון יודישען לאָדז — האָט ה' באַנאַש אָפּגעגעבען אַ טעטיגקייטס-בעריכט פון דער אינסטיטוציע זייט דעם אָנהויב פון איהר עקזיסטענץ, ד. ה. זייט זי איז געשאַפען געוואָרען דורך דער איניציאַטיוו פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט" בידן היינטיגען טאָג.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז פון 1. מערץ 1926 בידן 1. יאַנואַר 1927 זענען בעטראַכט געוואָרען 8720 פּיטאָס, פון וועלכע עס זענען גינסטיג ערלעדיגט געוואָרען 8150, פון הלוואות האָט בעקומען דער האַנדעל 867654 זל. (1876 פּערזאָן) די קליין-אינדוסטריע 44440 זל. (161 פּערזאָן); האַנדווערק — 114790 זל. (592 פּערזאָן); פרייע פּראָפעסיעס — 22525 זל. (121 פּערזאָן).

פון 1. יאַנואַר 1927 בידן 1. אָקטאָבער ד. י. זענען שוין אריינגעפלאָסען נייע 8073 פּיטאָס.

אין אַלגעמיין זענען אין משך פון די גאַנצע 18 חדשים עקזיסטענץ פון רעטונגס-קאָמיטעט אַריינגעפלאָסען 7476 פּיטאָס, 6773 זענען גינסטיג ערלעדיגט געוואָרען; פון שטיצע האָבען געניאָסען 6156 פּערזאָן (ס"ה 653 אָפּזאָגען) דערביי האָט דער האַנדעל געניאָסען פון הלוואות אין אַ סכום פון 766904 זל.; אינדוסטריע — 100850 זל.; האַנדווערק — 311445 זל., פרייע פּראָפעסיעס — 48070 זל. ד. ה., אַז אַרום און אַרום האָבען בעקומען הילפסמיטלען 6156 פּערזאָן אויף אַ סומע פון 1227269 זל. דערפון האָט דער האַנדעל געניאָסען 62,5 פּראָצענט פון דער גאַנצער סומע, די אינדוסטריע 8,2 פּראָצענט, דאָס האַנדווערק — 25,4 פּראָצענט; פרייע פּראָפעסיעס — 3,9 פּראָצענט.

די געבראַכטע ציפערען בעווייזען די גרויסע אויפטוען פון יודישען רעטונגס-קאָמיטעט פאַר דער לאָדזשער יודישער בעפעלקערונג.

אַ שאָד נאָר, וואָס די ברייטע שיכטען פון יודישען לאָדז ווייזען אַרויס אַזאַ קנאַפּען אינטערעס צו דער אינסטיטוציע. די קליינע צאָהל אָנוועזענדע מיטגלידער אויף דער נעכטיגער פערזאַמלונג איז געווען אַן איבריגער בעווייז פון דער גלייכגילטיגער בעציהונג.

31 זלאָטיס פּראָטעסט-קאָסטען פאַר אַ 200 וועקסעל.

דער היגער יודישער אייננעהמער קאָזלאָווסקי (פּיעטריקאָווער 28) האָט אויסגעשטעלט אַ וועקסעל אויף 200 זל. אַ געוויסען פּייוועל תאָסטעק אין גראַבאָווא. היות קאָזלאָווסקי האָט דעם וועקסעל געלאָזט געהן צום פּראָטעסט, האָט ער בעקומען דעם פּראָטעסטירטען וועקסעל דורך אַ באַנק און ער האָט געדאַרפט בעצאָהלען פּראָטעסט-קאָסטען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי... 31 זלאָטיס מיט 50 גר.!

דערונטער זענען אויסגערעכענט געוויי די קאָסטען לויט פאָלגענדען סדר: אַ דראָשקע פון הרובעשאָוו צו דער באַהן-סטאַציע ביי נאַכט (!) 2.25 זל. באַהן-קאָסטען פון הרובעשאָוו ביז מיאַנטשין — 2.— אַ פורמאַנקע פון מיאַנטשין קיין גראַבאָוו — 8.— צוריק פון גראַבאָוו קיין מיאַנטשין — 8.— באַהן-קאָסטען פון מיאַנטשין קיין הרובעשאָוו — 2.— אַ דראָשקע פון דער באַהן-סטאַציע הרובעשאָוו אין דער שטאָט אַרײַן 2.25 א. א. וו. סך-הכל 31.50!

פּירושים זענען איבריג.

פון „לינת אורחים".

די פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט, דאָס די הכנסה פון בלימעל-טאָג וואָס איז אייגגעאָרדענט געוואָרען דעם 22. סעפּטעמבער איז געווען 1391 זל. הוצאות 250 זל. ריינע הכנסה איז געבליבען 1141 זל.

אַ פאָטער—אַ חיה

איז מאַנס זיין 8-יעהריג טעכטער'ל און דערנאָך זיך געוואָלט דערטרונקען

(:) אַ שוידערליך פערברעכען איז בעגאַנגען דער לאָדזשער אַרבייטער סט. אורבאַנסקי סלאָוויאַנסקאַ 20.

אורבאַנסקי וואוינט אין צוזאַמען הויז מיט זיין פרוי און 8-יעהריג מעדעלע שוין אַ לענגערע צייט. ער איז אַ פאַבריק-אַרבייטער, האָט נישט שלעכט פערדינט און געלעבט צופרידען מיט דער פרוי.

מיט אייניגע טעג צוריק איז די פרוי אוועק בייטאָג צו איהרע קרובים און צוריקגעקומען ערשט שפּעט ביינאַכט. דערווייל איז דער מאַן אַהיים געקומען פון דער אַרבייט און אָנגעטראָפען דאָס קינד אַ שלאָפענדיגע אין בעטעל. דאָ איז געשעהן עפּעס שרעקליכעס: דער פאָטער האָט זיך געוואָרפען אויף זיין 8-יעהריג מעדעלע און זי פערגוואַלדיגט. פערלאָזענדיג די שענדליכע טאַט, האָט ער גענומען טליפּע זלאָטעס און ענטלאָפען קיין וואַרשאַ. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעטריבען פון איין קניפּע אין דער צווייטער, וועלענדיג פערטרונקען זיין חרטה און שאַנד-געפיהל, ביז ער איז געבליבען אָהן אַ פּרוטה. דאַן איז ער אוועק צו דער ווייסעל און זיך געוואָלט דערטרונקען. עס האָט איהם אָבער געשטערט דערין אַ פּאָליציאַנט. דאַן האָט דער אומגליקליכער דערצעהלט דעם פּאָליציאַנט זיין העסליכע טאַט און געבעטען זיך איהם צו אַרעסטירען. דער פערברעכער איז איבערגעשיקט געוואָרען קיין לאָדז, וואו ער איז איינגעזעצט געוואָרען אין תּפיסה.

„אגודה"-געזעלשאַפט צו גרינדען בית-יעקב-שולן אין אלטשטאָט-באַלוט

(—) דורך דער איניציאַטיוו פון אייניגע אָנגעזעהענע אָרטאָדאָקסישע עסקנים, דערונטער פּרנסים און ראַטמענער, ווערט געשאַפען אין אונזער שטאָט אַן „אגודה"-געזעלשאַפט צו גרינדען בית-יעקב-שולען אין דער געגענד פון אַלטשטאָט-באַלוט.

די דערמאָנטע געזעלשאַפט רופט די נאָהענסטע טעג אַ גרויסע בעראַטונג מכח דעם ענין.

וואָס דאַרף געטאָן ווערען

כדי צו הויבען דעם היגיענישען מצב פון די חדרים, תלמוד-תורות און יודישע שולען?

(—) פאַריגען זונטאָג איז אין לאָקאַל פון רב'ס תלמוד-תורה, דורכ'ן דאָקטאָר-היגיענישען קרייז „טאָז" צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון אינהאַבער פון שולען, חדרים, פאָרשטעהער פון תלמוד-תורות און מלמדים, וועלכע שטעהען אונטער דער היגיענישער השגחה פון „טאָז", כדי אויסצואַרבייטען אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם פון אַרבעט, ווי אַזוי בעסער אויסצושטעלען די היגיענע און די דערמאָנטע לעהר-אַנשטאַלטען.

די קאָנפערענץ איז ספּעציעל צונויפגערופען געוואָרען אין לאָקאַל פון רב'ס תלמוד-תורה, כדי צו ווייזען די אָנוועזענדע גשמער פון דער קאָנפערענץ דעם אונטערשייד פון אַ מאָדערנער תלמוד-תורה און אַ חדר-געבוידער.

נאָך אַ קליינעם שפּאַציר מיט די געסט איבער די צימערן פון דער תלמוד-תורה עפענט דער שול-דאָקטאָר פון „טאָז" די קאָנפערענץ.

אין זיין רעפעראַט ווייזט ער אָן אויף די פערהעלטניסמעסיג קליינע ערפאָלגען מכח'ן רעגולירען אַ געוויסע מדרגה פון היגיענישען צושטאַנד און אַ גרויסען טייל פון די חדרים. ער האַלט, אַז ביי אַ געוויסער מיטשטרעבונג מצד די לעהרער און די מלמדים, וואָלט מעגליך געווען צו צוזאַמען די עלטערן, אַז זיי זאָלען זיך אָפּגעבען מיט דער ריינקייט פון זייערע קינדער. ער פּערערטיגט דער מיט, אַז די לעהרער, מלמדים און חדרים-אינהאַבער, וועלכע האָבען אַ נאָהענטען מגע מיט די קינדער אונטער זייער רשות, האָבען און זיין פון אַגיטירען אַלע מאָדרענע מיטהעלפען אייגנצו-ווארצלען און די קינדער די אידעען פון היגיענע.

אין פערלויף פון דער דיסקוסיע האָבען זיך בעטייליגט די ה"ה מיעלניק, שילדקרויט, פּערלא, וישלאַנקאַ, ערעלשטיין, אַבוצאַ א. א. דער מנהל פון רב'ס תלמוד-תורה ה' מיעלניק, בעטאָנט, אַז ביי אַ גוטען ווילען און געשיקטער אָרגאַניזאַציע קאָן מען אין אַ קלענערער צאָהל שעה'ן אויסלערנען די קינדער מעהר און וואָס צוזאַמענגערעדט גלייך צי ווי צעהן פּערצאָטאָטערס 10 שעה.

דער אויסבראָהר פון די דעבאַטעט איז געווען, אַז מ'דאַרף לערנען ביז'ן אַלס אויף דער ריינישער זייט פון די קינדער. מצד די רעדנער איז אויך אָנגעוויזען געוואָרען, אַז לערנען 10 שעה און מצב איז אַ צו שווערע לאַסט פאַר שוואַכע קינדער. די פערזאַמלונג זאָגט דער דערביי אַרויס צו רעאָרגאַניזירען און פערגאַניזירען די מלמדים און די צאָהל שעה'ן און אַלע שולען, תלמוד-תורות און חדרים. צו דעם צוועק וואָלט פּראַי געווען צונויפצורופען אַ קאָנפערענץ פון קאָמפּעטענטע פּערזאָנען, ווי: רבנים, ראשי-ישיבות, פּעדאַגאָגען און ראָקטוירים, וועלכע זאָלען בעהאַנדלען די אַזוי וויכטיגע פראַגע.

דורך די ה"ה שילדקרויט, וישלאַנקאַ, ערעלשטיין און ווייטער איז אָנגעוויזען געוואָרען די נויטיגקייט פון צוזאַמען אויפלעבען דעם פּערסאָנאַל פון אינהאַבער פון שולען און חדרים, וועלכער וואָלט דורך זיין אויטאָריטעט צוגעהאָלפען דעם שול-דאָקטאָר און אַהפּהיטען די היגיענע און די אַלגעמיינע צושטאַנד פון די חדרים און שולען. צו דעם צוועק און אויסצואַרבייטען קאָנקרעטע פּערזאָנען, וועלכע וואָלטען גיכער רופען אויף דעם 25. ה. מ. אַ קאָנפערענץ אין לאָקאַל פון רב'ס תלמוד-תורה.

דערמיט ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

ס'איז פּראַי צו בעמערקען, דאָס וועגען דעם זעלבען ענין איז אויף דעם 17 ר. ח. צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון לעהרער פון וועלטליכע למודים פון די זעלבע לערן-אַנשטאַלטען. פון 25 איינגעלאַדענע זענען געקומען נאָר 2... — אַ בעוויז ווי גרויס ס'איז די פערשטענדיגונג פאַר פּראַגען פון שול-היגיענע מצד די יעניגע וועלכע מ'האָט אָנפערטרויט די ערציהונג פון יונגען דור...

אויפגעהאַנגען זיך

אַן אַפּגעקומענער פּוילישער סוחר

אין מאָמענט ווען דער מאַן הענגט זיך זעהט דאָס זיין פרוי אין חלום.

(§) נעכטען האָט אין זיין קויהלען-סקלאַד זיך אויפגעהאַנגען דער 47-יעהריגער סוחר יאַן וואָלימשיק ליפּאָווא 29.

וואָלימשיק, וואָס האָט געהאַט אַ סקלאַד פון קויהלען און האָלץ איז לעצטענס זעהר שלעכט געשטאַנען. דאָ האָט ער זיך פּעקענט מיט אַ געוויסען טאָמאַשעק פון פּעטריקאָווער 225 און זיי האָבען בעשלאָסען צו עפענען אַ שותפות געשעפט פון פרוכט-מאַטעריאַלען אויף ליפּאָווא 24. דאָס געשעפט איז אָוועק גאַנץ גוט אָבער וואָלימשיק האָט דערפון קנאַפּ וואָס געהאַט, ווייל דער גאַנצער קאַפּיטאַל איז געווען דער שותף טאָמאַשעקס.

עס זענען פערגאַנגען חדשים. וואָלימשיק האָט פון געשעפט קיין פּרוטה נישט אַרויסגענומען און זיין פרוי און קינדער זענען געווען די איינציגע שפּאָנערין פון הויז. לעצטענס אָבער איז די פרוי קראַנק געוואָרען און וואָלימשיק נישט קאָנענדיג מעהר אַריבערטראָגען די בידנע און נויט איז אין זיין סקלאַד און האָט זיך אויפגעהאַנגען. דער פרוי האָט ער נאָך געזאָגט, אַז ער געהט צום שותף זיך אויסרעכענען, נאָכער עס זענען אַוועק אַ פּאָר שעה'ן און ער איז נישט צוריקגעקומען. דאַ האָט דער קראַנקער פרוי געחלומ'ט אַז מיט איהר מאַן האָט אַן אומגליק פּאַסירט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט זיך אין דער זעלבער צייט, ווען די פרוי האָט געזעהן דעם שלעכטען חלום, איהר מאַן זיך אויפגעהאַנגען.

אַמעריקאַנער יוד לעבט איבער אין לאָדז אַ שווערע טראַגעדיע

אוי'ס פערצווייפלונג געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד.—אַ לאָדזער כלל-טוער ראַטעוועט איהם אַרוים פון דער נויט.

(ג) מיט לערך 4 חדשים צוריק איז פון אַמעריקאַ אַרויסגעפאָהרען געוואָרען מעלעגראַפיש קיין סאָוויעטן-רוסלאַנד אַ נשווישער ב. ג. די אַרויספאָרונג איז געווען אַ דרינגענדע, ווייל זיין פאָטער אין רוסלאַנד, אַ שווער-קראַנקער, האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיין זוהן, וועלכען ער האָט שוין נישט געזעהן איבער 15 יאָהר. דער זוהן ב. ג., אַן אייגענעמער אַרבייטער און אַ ניו-יאָרקער פאַבריק פון קינדער-שפּילצייג, האָט געוואָרפען די אַרבייט, צוזאַמענגעזוכט זיך צו דער רייזע און געמאַכט זיין נסיעה קיין סאָוויעטן-רוסלאַנד זיך צו געזעגענען מיט'ן פאָטער פאַר זיין טויט.

עס איז זיך גרינג פערצושטעלען אַזאַ רייזע, ווען עס איז בעוואוסט, אַז מען פאָהרט זיך זעהען צום לעצטען מאָל מיט אַ פאָטער, און ווער ווייסט—אפשר וועט מען איהם שוין נישט טרעפען צווישען די לעבעדיגע...

אַ פערמאַטערטער און פערצווייפעלטער איז ה' ג. ענדליך אָנגעקומען קיין סאָוויעטן-רוסלאַנד און זיין פאָטער איז געטראָפען נאָך ביים לעבען. האָרציג זיך געקושט, זיך פונאַנדערגעוויינט און — דער פאָטער האָט ערשט געקאָנט אָפּשטאַרבען. נאָכגעגאַנגען די לויה, קריעה געריסען, שבעה געזעסען און — דערמאָנט זיך, אַז הגם אַמעריקאַ איז אַ „גאָלדען לאַנד" ווערט דאָרט זעהר אָפט ביטער, ביז מען דערשלאָגט זיך צו אַ... גאַבעל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאַמר פון דער אַלטער היים.

קורץ, אויסגעגלייבערט זיך נאָכ'ן פאָטער'ס טויט, האָט דער אַמעריקאַנער זיך געלאָזט שרייב'ן אַ רוסישע יודישע קע, וועלכע איז איהם פאַר געפעלען געוואָרען און ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט.

נאָכ'ן אָפּפּרעהען זיך מיט די קרובים אין רוסלאַנד, האָט ג. און דער בעגלייטונג פון זיין יונג ווייבעל זיך געלאָזט פאָהרען קיין לאָדז, וואו ער האָט מעהרערע רייכע קרובים, כדי מיט זיי זיך צו זעהען און אגב ביי זיי צו באָרגען אַ הלוואה'לע אויף רייזע-הוצאות צוריק קיין אַמעריקאַ, ווייל ער האָט אומטערוועגס „איינגעשנייטען" מיט געלד.

האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז פרעהען זיך האָט מען זיך און לאָדז דוקא יאָ געוואָלט מיט'ן אַמעריקאַנער. אָבער געלד באָרגען (סך הכל 50 דאָלאַר האָט ער געבעטען), איז „לאָ" מיט אַ סבאַ-דעק.

איז דעם אַמעריקאַנער געוואָרען פינסטער אין די אויגען, געלאָפען פון איין רייכען קרוב צום צווייטען, געוויינט, אַז די וויינע געהט איהם אויס, אַז ער האָט אַ הויז פול אַ ווייב, אַז ער וועט זיך מוזען אומברענגען — אָבער ס'האָט נישט געהאָלפען.

דער יונגערמאַן ג. האָט דאָ געשיקט אויסהאַלטען און אַ פּרעמער הויז זיין ווייבעל און און אַ צווייטער פּרעמדער הויז זיך אַליין איינגעקוואַרטירט, און אויסגעטוהן לאָמיר נראָה געלד.

די דאָלאַרען, וואָס זענען נאָך געווען און לעשיגע האָבען זיך אויסגעלאָזט און קיין אויסזוכטען אויף קיין הלוואה'לע זענען נישט געווען.

ס'איז געקומען דערצו, אַז דער אַמעריקאַנער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פאַר פּרעמדע מענשען און זיין געפיהלען צו אינטערוועניר'ן פאַר די רייכע קרובים זיינע פערצווייפלונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אפילו אָנגעהויבען טראַכטען וועגען בעגעהן זעלבסטמאָרד.

וועגען זיין ראַוויגען פּלאַן האָט ער קיינעם נישט דערצעהלט, אָבער דער בעל-הבית פון פּעטריקאָווער 27, וואו דער אַמעריקאַנער איז איינגעשטאַנען, האָט און מיטען דער נאָכט בעמערקט, ווי ג. פּאַרשט זיך אַרום אין די צימערן. האָט ער זיך אַ פערגלייך געשפּעט, אַז ער וויל זיך האָט לעבען נעהמען, האָט ער איהם אַוועקגענומען אַוועק גענומען, און ער האָט בעקומען איבערצייגט, אַז ער האָט זיך נישט געוואָלט איינהאַלטען.

ווי נ. פאַרשט זיך אַרום אין די צימערן, האָט דער אַמעריקאַנער דערצעהלט זיין גאַנצע מעשה. מ'האָט זיך געוואָנדען צו פּערשידענע כלל-טוער, אָבער אומזיסט אַהן ערפאָלג.

ענדליך האָט די אינטערווענץ דערגרייכט צו אַ באַקאַנטען יודישען כלל-טוער אין לאָדז, וועלכער האָט נעבעך'ט ביים בעוואוסטען לאָדזשער פאַבריקאַנט ג. ער זאָל פאַרגעבען זיין סרוב פון אַמעריקאַ אַ פּאָר דאָלאַר.

אַזוי אַרום איז דער אַמעריקאַנער יוד אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פון זיין שווערער פערצווייפלונג און היינטיגע וואָך פאָהרט ער אָפּ קיין אַמעריקאַ, וואו ער וועט האָבען צו דערצעהלען אַ נייעם יציאת מצרים.

טעאַטער און מוזיק.

דער 3-טער גרויסער מייסטער-קאָנצערט.

דער דאָנערשטאָג'דיגער קאָנצערט פון דעם אַמאָל אַזוי בעריהמטען אין ביידע מאָל גוט-בעקאַנטען זינגער ה' דמיטרי סמירנאָוו האָט צוגעצויגען אַ זעהר גרויסען עולם, וועלכער האָט דעם זאַל פון „פילהאַרמאָניע" איבערפולט איבער די ברעגען.

מען מוז מודה זיין, אַז דאָס מאָל האָט אונז לייד'ער דער זינגער שטאַרק ענטוישט. סמירנאָוו, דער גלענצענדער פערטרעטער פון דער איטאַליעניש-רוסישער שולע, דער ליבלינג פון מערב-איירפּאָפּעישען פּובליקום, דער זעלטענער געזאַנג-מייסטער איז שוין איצט נישט דער סמירנאָוו פון אַמאָל...

דער אַמאָל אַזוי ליכטיגער שטערען אויפ'ן הימעל פון געזאַנג הויבט אָן צו ווערען וואָס אַמאָל אַלס בלאַסער... און אויב זיינע שטראַהלען פינקלען נאָך אויף מאָמענטען מיט אַ בליץ,—לייכטען זיי אָבער שוין נישט מעהר, זיי וואַרעמען שוין נישט...

די גרויסאַרטיגע זקנה, וועלכע מערט קיינעם נישט אויס, האָט אויך לייד'ער נישט געשוינט דעם אַמאָל אַזוי האַרציגזיסען טענאָר... עס איז נישט געווען דאָס מאָל די געוועהנליכע „נישט-דיס-פּאָזיציע", וועלכע פּאַסירט זעהר אָפט אַפילו ביי גאַנץ גרויסע קינסטלער, נייין, עס איז געווען די טרויעריגע התחלה פון דער אונפערמיידליכער טראַגישער ירידה...

אמת, מיר האָבען נאָך געזעהען פאַר זיך דעם אַלטען „לייב" סמירנאָוו מיט דעם חנעוודיגען שמייכעלע, וואָס ווירקט אַזוי שטאַרק בעצויבערענד, בעזונדערס אויף דעם „שעהנעם מין" פון דער אוידיטאָריע, מיר האָבען ערטערווייז נאָך געפיהלט זיין גרויסע מוזיקאַלישקייט און שטאַרקען קינסטלערישען טעמפּעראַמענט און בעזונדערס זיין סאָמפּאַטיש-ווייכען און צאַרטען „פּאַלצעט", זיינע זיסע „פערמאַטעס", זיין מייסטערהאַפטע אָטעם-טעכניק — די דייטליכע סמנים פון זיין אַמאָליגען גלאַנץ—אָבער דאָס איז אַלעס נור געוועזען, ווי געזאָגט, מאָמענטענווייז, נאָר סמנים פון זיין אַמאָליגער גרויסקייט אין געזאַנג-קונסט, נאָר רעשטלעך, ברעקלעך צעהאָרפּענע, פונקען פון דעם אַמאָליגען גרויסען ליכטיגען פלאַם...

אַ בעזונדערס פּיינליכען איינדרוק האָבען אויף אונז געמאַכט זיינע הויכע רעגיסטערען, וועלכע שפּילען אַזאַ דאָמינירענדע ראָל ביי אַלע גרויסע טענאָרען,—זיי האָבען געקלונגען דאָס מאָל אַזוי טרוקען און מאַט, געפרעזען אַזוי אָנגעשטרענגט און מיד, אַז פיל מאָל זענען זיי דערגאַנגען כמעט ביז אַ געשריי. עס האָט איהם אפילו נישט געהאָלפען זיין בעקאַנטע רייצענדע „קאָפּשטימע", מיט וועלכע ער פלעגט דערגרייכען תמיד די שענסטע עפעקטען און מיט וועלכע ער האָט זיך בעציהט כאָטש אַ ביסעל ווי עס איז צו פערדעקען די דעפעקטען, וועלכע האָבען זיך דאָס מאָל שוין אין אַ צו בולט'ער פאָרם אַרויסגעוויזען.

ווען מיר זאָלען נאָך איצט צורעכענען דעם בעזונדערן פּראָגראַם, וועלכער איז בעשטאַנען פון אַלטע, אויסגעדראָשענע צו מויזינד, אין איין מאָל געזונגענע לידער און ראָמאַנסען, פון וועלכע עס פּיהלט זיך שוין שטאַרק אַ געוויסער בייגעשמאַק, וועט אונז זיין פערשטענדליך, פאַרוואָס דאָס פּובליקום, וועלכעס ווערט שטענדיג אַזוי בעגייסטערט פון אמת'ע קינסטלער, ספּעציעל, פון קינסטלער-זינגער, האָט דאָס מאָל אַנ'ענטוישטער קאַלט און גלייכגילטיג אויפגענומען דעם זינגער. אַן אָנגענעהמע איבעררעשונג דאַגעגען האָט אַרויסגערופען, די ביי אונז אין לאָדז צום ערשטען מאָל אויפטרעטענדע זינגערין, די יונגע פּאַרטנערין מאַלצעוואַ-סמירנאָוואַ. וועלכע האָט מיט איהר קליינעם, אָבער ב'חנ'עטן דראַמאַטישען סאָפּראַן געגעבען מוזיקאַליש אויסגעפיהרט 3 לידער: 2 פון ראַכמאַנינאָוו און 1 פון שאָפּען „אומעט".

די בעגלייטונג פון דעם בעקאַנטען דיריגענט און פּיאַניסט ה' מאַזורקיעוויטש איז געווען אַ זעהר גוטע און דיסקרעטע.

ד"ר ל. פּריבולסקי.

טעאַטער און מוזיק.

מאָרגען די ערעפנונג פון אַררראַט.

נאָך לאַנגע און אומערמידליכע פאַרבערייטונגען ווערט מאָרגען פּונקטליך 9 אַ זייגער אין אָוועגד געעפענט אין וויכטיגע זאַל פון „מאַנטעפעל" דאָס נייע יודישע רעוויו-אין קאַמער-טעאַטער „אררט" אונטער דער לייטונג פון די מעטר מ. ברודערזאָן און קונסט-מאָלער ר. ראָזענטאַל.

אין דעם ערשטען פּראָגראַם א. אַ „גלאַט-כשר" געהען אַריין: פאָלקס-לידער, מיניאַטורען, סקעטשעס און הומאָ-רעסקעס פון י. ל. פּרץ, ה. לייוויק, ד. קאַלמאַן, י. אַבערדזשאַנסקי, מ. ברודערזאָן און אַנדערע.

אויסער דעם איז דאָס פּראָגראַם פאַרזעהען מיט אַ רייכען לעבעראַפּישען טייל, וועלכער וועט ווערען אויסגעפיהרט דורך בעסטע היגע מאַזינקערעפטען.

גרעסטער „בעל-מופת“.

(עגדע פון זעט 4)

[illegible]

האט געהערשט נישט גאר אין פראג-קרייז פאר דער רעוואלוציע. מיר בע-געגענען די זעלבע צווע שטימונגען אין אלע צטטען, וואס האבען געפיהרט צו ריזיגע ערשיטערונגען און צום אונטער-גאנג פון צופוילטע און פערדארבענע קלאסען און רעגירונגען, וועלכע האבען אין צייט פון הונדערטער יאהרען גע-הערשט געגען זיך דעם צארן פון פאלק. די זעלבע פערדארבענקייט און די זעל-בע ליידענשאפט צו כשוף-מאכערי גע-פינען מיר, צום משל, אין דער גע-שיכטע פון די יודען פאר'ן חורבן, מען בעגעגענט עס פאר'ן אונטערגאנג פון די אזיאטישע דעספאטיען, ווי אויך פאר'ן פאלען פון דער אימישער אימ-פעריע, און, שליסליך, דא נישט לאנג האט זיך דאך די זעלבע זאך אפגעש-פילט פאר אונזערע אויגען אין צארי-שען רוסישען הויף, וואו ס'האט צוגלייך מיט דער אויסגעלאסענקייט און פער-דארבענקייט זיך געהאט איינגעווארצעלט דער נאאיווער צוטרוי צו די וואונדער פון דעם קאצאפישען בעל-נס, דעם בע-קאנטען ראספוטין, און וואו די קעניגלי-כע פאמיליע און די צארישע מיניסטא-רען האבען זיך געקוויקט מיט דעם גלוי-בען אין איבערנאטירליכע גייסטער און געפראוועט געהיימניספולע צערעמאניעס, אין די צימערן פון קעניגליכען פאלאץ.

עט אין אזא מין צייט פון געוואלדי-גען מיש-מאש אין די מוחות איז קיין וואונדער נישט, אז פון פאריז ארויסגעקומען מיט א גרויסען פאראד, ווי מיר האבען געזעהן, דער קליגסטער און דער איינגענארטיגסטער פון די דעמאלסדיגע כשוף-מאכער, דער גראף קאליאסטרא, וועמעס נאמען עס האט געקלונגען אין די פאריזער גאסען און סאלאנען, נאך איידער ער האט זיך

די קונסט פון אנ'אדרוואַ-כאט אויסצופרעגען די עדות.

(עגדע פון זעט 3)

זוך בושט געלאזט.

— ווי קאנט איהר דאס וויסען אזוי פונקטליך? — האט איהם ווידער אמאל און ווידער אמאל געשטאטערט דער אד-וואקאט.

— גאנץ פשוט, — האט מיט א שמייכל געענטפערט דער עדות — איך האב ערווארט, אז אמאל קאן מיך עמיצער א שוטה פרעגען וועגען דעם, האב איך דער-מאלט אפגעמאסטען מיט מיינע טריט...

נאך אזא ענטפער האט שוין דער אדוואקאט פערלוירען דעם חשק צו שטע-לען ווייטערדיגע פראגען דעם זעלבען עדות.

א שארפזיניגער אדוואקאט קאן אמאל אויך אזוי א ווערטעל פון זיך ארויס אנ'-אייננעשפארטען עדות אז זאל פערלי-רען דעם חשק צו שווייגען ווען ער דארף רעדען.

ווענען א בעוואוסטען אדוואקאט דער-צעהלט מען אזא פאל: אנ'אייננעשפאר-טער עדות האט בשום אופן נישט גע-

וואלט ענטפערן אויף געוויסע פראגען פון אדוואקאט, און ווי עס פלעגט פא-מען צו די פאר פערשאלטענע פראגען, פלעגט זיך דער עדות פרובען ארויס-דרעהען מיט פארשוען ענטפערס: „איך ווייס נישט“, „איך פערשטעה נישט“, און אזוי ווייטער. דער אדוואקאט איז אבער נישט אפגעטרעטען פון איהם און האט איהם געשטעלט אלץ די זעלבע פראגען. דער עדות האט ענדליך פער-לוירען די געדולד, און האט זיך געווענ-דעט צום ריכטער:

— הער ריכטער, דער אדוואקאט מאכט מיך און קאפ א צעמישעניש...

— א „צעמישעניש“? — האט אי-בערגעפרעגט דער ריכטער.

דער אדוואקאט האט זיך אנגעכאפט און אפגעענטפערט דעם ריכטער:

— יא, הער ריכטער, דאס איז א צו-מישעניש און קאפ, וואס קומט פון א קראנקען געהירן...

און [illegible] האבען זיך אלע צו-לאכט, אבער דער עדות האט שוין גאר-נישט געלאכט...

נישט אלע מאל אבער איז דער עדות אזא „נעבעכעל“. [illegible] [illegible], אז אנ'עדות האט א שארפען מוח און עכט-פערט אזוי, אז עס [illegible]

[illegible] אין די אויגען.

וועלכען איינעם א ריכטער דערצעהלט מען אזא מין פאל:

אנ'עדות איז א פראצעס איז געווען דער אנ'אייננעשפארטער און דער ריכ-טער האט איהם פיינער געקרוגען שוין פון דעם ערשטען פערהער זייגער. דער ריכטער האט געמיינט, אז דאס איז מסתמא א נארישע-וואסער, טעמפער עדות. האט זיך דער ריכטער פערוואלט א ביסעל חוזק מאכען פון דעם איינגע-שפארטען עדות. דער עדות האט נראד געהאט א לאנגע בארד. דער ריכטער איז געווען א געאלטער.

— אליב איהר האט אזא לאנגע גע-וויסען, ווי אייער בארד — האט גע-זאגט דער ריכטער — דאן פערשטעהען מיר, פארוואס אייער געוויסען וואקעלט זיך אזוי...

— הער ריכטער, אויב איהר מעסט דעם געוויסען מיט דער בארד, דאן האט איהר, ליידער, קיין שום געוויסען נים... — האט העפליך געענטפערט דער עדות דעם אפגעגאָלטענעם ריכטער.

דארפען בעוויזען. זאטע פון מערגענ-בענט און אומבעפרידיגטע אין זייערע בעהיימניספולע זוכענישען האבען די פא-ריזער לעט געווארט אויף עפעס נייע אויסטערלישע מופתים...

(דאס ווייטערע קומט).

8-טוגג!

דעם

לאדזער טאגעבלאט

בעקומט מען טעגליך 6 א זייגער פרי אין אלע באהן-קיאסקען פון

„רוך“

(„Ruch“)

פאדערט איבעראל

נאר פאטענטירטע

פעלד-בעטען

מיטגעצייכנט מיט דער פאבריקס-מארקע

Palma-Patent

פאר וועלכען מיר גאראנטירען.

אויך שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל: ניקעל-בעטען קינדער-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך, הייכע קינ-דער-בענקעלעך, שאטקעלעס און געבעטע מאטראצען.

ביליגסטע פרייזען! רעיעלסטע בעהאנדלונג

לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 81-85.

לעטשניצע

17 זגערסקא 17, טעל. 16-33.

עלעקטרישע קראנקהייטען וועלען עמפאנגען דורך ספעציאליסטען-דאקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אבענד.—מאסאזש, עלעקטריזאציע, פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערגזאן-בעשטראהלונגען, אינפוזיגען נעגען שקארלאטינע.

שוין דערשינען:

בריוו פון דער מאמע פון דער יודישער ביינע

אסתר רחל קאמינסקא

מיט ארייגפיר און באמערקונגען פון מארק טורקאוו.

דאס ביכל אנטהאלט 73 בריוו, וואס די גרויסע יודישע קינסטלערין האט געשריבען צו: יעקב דינעזאן, מענדל עלקין, פאולא און נח פרילוצקי, אברהם יצחק קאמינסקי, רעגינא קאמינסקא, אידא קאמינסקא, יוסף קאמינסקי, זיגמונט טורקאוו, יאנאס טורקאוו א. א.

10 דרוק-בויגן. 5 בילדער. פראכט-אויסגאבע

— פרייז 3,75 זל. —

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Kooperatywa „Bycher“ Warszawa, Nalewki 2-a

ZAKŁAD ŚLUSARSKO-MECHANICZNY

F. MOTYL Majster cechowy

Łódź, Zawadzka 19, Tel. 55-42

Firma egz. od r. 1895:

אויספערטיגונג פון זעמטליכע שלאסער און מעכאנישע אויסאר-בייטונג, זאווי פרעסען און פארמיר-אייזען, צענטריפוגען און פערבער - קעסעל. ווי אויך זעמטליכע מאשין - רעפעראטורען.

ספעציאליטעט:

אויטאגענישע שווייסונג אויך שניידונג פאר אלע מעטאלן מיט גאראנטיע

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט“

לעזט אויפמערקזאם!

נאך א פולשטענדיגער רעארגאניזאציע פון מיין ווערקשטעל, עמפעהל איך די ג' קונדשאפט פון אייגענער אויסארבייטונג אין א גרויסען אויסוואהל

געבעטע שטיהל

געדעקט מיט לעדער, גאבעלין, מאראקא, זייד, ווי אויך גאבעלין און זייד-

קאזעטקעס, מאטראצען

פון פערשידענע סארטען, טישען און טישלעד (וואלע) נאנדאלקעס אטאמאנס אלעס לויט פאריזער מאדעלען פון עכט טרוקען האלץ. לאנגטערמיניגע גאראנטיע. צוגענגליכע פרייזען און בעסטע בעדינגונגען.

בעספאר איהר קויפט, בעט איך אונבעדינגט צוערשט מיך צו בעזוכען און זיך איבערצייגען. מיט אכטונג

י. א. וואיטשעכאווסקי

10 נאווא-מיעסקא 10

דרוקזאכן

אלערליי

ווערען שנעל און פראמפט אין דער פיינסטער אויס-פיהרונג און די מאדערנסטע שריפט אויסגעפערטיגט.

כלעפסידרעס

(טאדעס-אנצייגען)

ווערען אין פערלויף פון 2 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפט איבער דער גאנצער שטאט.

בוכדרוקעריי

ע. און מ. האמבורסקי

פיעטריקאווער 16, טעל. 47.



Zjednoczone Fabryki Maszyn

„UNIA“

dawn. C. Blumwe i Syn, Sp. Akc.

BYDGOSZCZ-WILCZAK

(די עלטסטע אין פוילען ספעציאל-מאשינען-פאבריק

ליפערט אלס ספעציאליטעט:

קאמפלעטע איינריכטונגען פאר האלץ - בעארבייטונג.

מיט אנפראגען זיך צו ווענדען צום פערטרעטער:

Inżynier G. Praszkier,

Łódź, Zawadzka 16a

Tel. 27-52.

אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר

זיי נישט צופיל חכם, אז דו דארפסט שרייבען און ערלעדיגען פאנדאווע זאכען זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא פיעטריקאווער 17, דורכגאנג (זאכאדניא 52) ווערט לויט'ן אויסטאוו געפיהרט ערלע-דיגט אלערליי ביטעס, קלאווזולעס זא-בעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאזיציעס, אר-וואלאניעס, רעקורסען,—וועגען קאנ-צעסיעס, פעסער אין קאמיסאר.-זשאנדו-פיטעס אין אלע פאליציי-בעצירקען, שות-פות-אקטע, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דארא-וויזנעס, מארגע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

מיט אכטונג י. מאנעלא רעכטסקאנסולענט

פיעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

די לאנגיעהריגע טאמבורירער-ווערקשטעל

א. לעיבאוויטש - קאמיענא 3 -

נעהמט אן אלערליי טאמבוריר-ארבייטען ווי, גארטירען. שעהרען דאמען-קאנפעקציע א.ז.וו. פינקט. אויספיהרונג און רעעלע בעהאנדלונג.

פאר 12 זל.

לערנט איהר אויס

טאנצען

פאר אנפאנגער הייבט זיך אן דער קורס דעם 3-טען פון יעדען חודש. איינשרייבונגען אין דער טאנץ-שולע פאלודניאווא 10.

מיט אכטונג ד. פרידוואלד.

שוין ערשינען

יודיש פוילישער וועכענטליכער

קאלענדאר—השבוע

אויף 1928

פיינער פארמאט ספעציעל געאייגנעט אויף טאג-נאטיצען אין יעדען געשעפט, האנדעלס-אונטער-נעמונג, ביורא און אנשטאלט, פיין, פרעכטיג און עלעגאנט ארויסגעגעבען, געדרוקט אויף פרימא ווייס קאנצעלאריע-פאפיר מיט שיינע ליכטיגע אותיות און ציפערן אזוי אז דער דאזיגער קא-לענדאר איז א דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאר יעדען איינציגען. סוחרים ראבאט!

בייט בעשטעלונגען

A. M. Grubsztajn, Łódź, Wschodnia 5a

איך זוך זיך אנ'ארט צו בעשעפטיגען. עס קען זיין אין א מאנופאקטור-געשעפט, לאגער אדער גאלאנטעריע-געשעפט. גאראנטיע געזיכערט. גע-ניערטע צו ערפאהרען ביי לעאן האכענבערג, פיעטריקאווער 107.

א יונגעל

פון 14—15 יאהר, פון אנשטענדיגע עלטערן ווערט געזוכט אין יובילער-געשעפט פון מ. ליסאק, פיעטריקאווער 5.

א לערן-יונגעל

קען זיך שוין מעלדען צום שילדען-מאלער י. מ. פוקס, ווסכאדניא 50.

וויכטיג פאר דאמען!

מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען-הימע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע פון די עלטעסטע היטען איבער-ארבייטע איך אויף געגעבליך נס. געדענקט די אדרעס: 28 זאוואדזקי 28

נאר פאר 2 50 זל.

אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. בעם. מאכט איך שיפאן-וועלור- סא-מעט- און פילץ-היטע אין אלע סארטען און פארבען אין פיינסטער אויספיהרונג. דזיר פרייז איז נאר אויף א קורצער צייט.

נאר פאר 7 זל.

„TOLA“

אבאנאמענטס-פרייז: פאר א חודש אין פוילען 5 זל., אין פראנקרייך און בעל-גיען—20 פראנק, [illegible] פאר א מ"ל. מעטער-שורה פאר'ן טעקסט 16 גר., פרייזען 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פרייזען 60 גר., נאכ'ן טעקסט 12 גר. פרייזען, [illegible] פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שטאט—ביז 50% טייערער. פון די פרייזן ווערן גיט ארויסגעגעבן קיין רעכענונג. אמעריקא לענדער—1,25 דאלאר.

Redaktor wydawca E. Hamburski.

Tłocznia: E. i M. Hamburski w Łodzi. Piotrkowska 81